בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ

סֵפֶר

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

בְּרִיוֹן פוּן חִיזוּק, אֱמוּנָה אוּן
פְּרַאקְטִישֶׁע עֵצוֹת פַאר'ן לֶעבְּן,
גֶעשְׁרִיבְּן דוּרְךְ רֹאשׁ יְשִׁיבַת תִּפְאֶרֶת
הַתּוֹרָה בְּרֶסְלֶב

אִידִישׁ

## פַּרְשַׁת נֹחַ

תש"פ

היכל הקודש

הכתובת להשיג את הספר הקדוש הזה וכל ספרי
אדמו"ר מוהר"ן מברסלב זי"ע וספרי תלמידיו הקדושים

To obtain this and other Breslov publications:

**היכל הקודש וויליאמסבורג**
Heichal Hakodesh Williamsburg
27 Skillman Street
**718-384-1652**

**היכל הקודש בארא פארק**
Heichal Hakodesh Boro Park
1011 41 Street
**718-384-1652**

**היכל הקודש קרית יואל**
Heichal Hakodesh Kiryas Joel
8 Hayes Ct.
**845-467-5299**

**היכל הקודש קרית יואל**
Heichal Hakodesh Kiryas Joel
8 Premishlan Way.
**845-243-0563**

**היכל הקודש בלומינגראוו**
Heichal Hakodesh Bloominggrove
24 Merriewold Ln S
**845-379-1161**

**היכל הקודש מאנסי**
Heichal Hakodesh Monsey
32 Dolson Rd.
**347-733-7551**

**בארץ ישראל**
**מוסדות "היכל הקודש" חסידי ברסלב**
שע"י עמותת "ישמח צדיק-קהילת ברסלב בגליל"
בהתייסדות ע"י כ"ק מוהרא"ש זצוק"ל
רחוב רבי נחמן מברסלב 1 ת.ד. 421 יבנאל 15225
טלפון רב קווי 04-6708356
פקס: 04-6708359

**Visit Our Web Site:**
**www.breslevcenter.com**
לשמוע השיעורים 212-444-9191

**Find our entire book selection at: amazon.com**

**To donate and/or sponsor one of our books please call: 845-248-1651**

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

וָואס טוּט מֶען מִיט אַ חוּצְפָּה'דִיג קִינְד?.................................. א

הָאט מַיין עֲבֵירָה גֶעבְּרֶענְגְט דִי צָרָה?....................................... ב

מֶעג מֶען לֶערְנֶען תּוֹרָה בַּאקְוֶועמֶערְהֵייט?................................ ד

וִוי אַזוֹי שַׁאפְט מֶען חֲבֵרִים זִיךְ צוּ שְׁטַארְקֶן אִינְאֵיינֶעם?......... ד

וִוי אַזוֹי הַאלְט מֶען זִיךְ פְרֵיילִיךְ אִין שְׁוֶוערֶע צַייטְן?................ ו

וִוי אַזוֹי מַאכְט מֶען אַ גֶעשְׁמַאקֶע אַטְמָאסְפֶער אִינְדֶערְהֵיים?.... ז

וִוי אַזוֹי טְרֶעפְט מֶען דֶעם וֶועג אַרוֹיס פוּן בְּלָאטֶע?................ ט

קֶען מֶען אוֹיךְ פוֹעֵל'ן אַ זִיווּג שֵׁנִי אִין יַבְנְאֵל?........................ יא

וָואס טוּ אִיךְ אַז אִיךְ וִויל אֲפִילוּ נִישְׁט אָפְּלָאזְן מַיינֶע עֲבֵירוֹת? יב

זָאל אִיךְ זִיךְ עֲקְשָׁ'נֶען נִישְׁט צוּ בַּאקוּמֶען טַייעֶרֶע צִירוּנְגֶען?.... יד

וִוי אַזוֹי קֶענֶען מִיר אַוֶועקְשְׁלֶעפְּן אוּנְזֶער בָּחוּר פוּנֶעם
סְמַארְטְפָאוּן?........................................................................ טו

וִוי אַזוֹי רֶעדְט מֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן?....................................... יח

וִוי אַזוֹי גֶעבְּט מֶען זִיךְ אַן עֵצָה מִיט דִי וַוייבּ?........................... כ

וִוי אַזוֹי טְרֶעפְט מֶען אַ שִׁידוּךְ בַּיי דִי פֶערְצִיג יָאר?................ כא

# אִישׁ אֱמוּנוֹת


מְסַיֵּם גֶעוֶועֶן מַסֶּכֶת נְדָרִים .......... א
מְחַזֵּק זַיין אִידִישֶׁע פְרוֹיעֶן .......... א
וַואקְסִינֶען פַאר דִי קִינְדֶער .......... ב
אַן אוּמְשׁוּלְדִיגֶער חָתָן וָואס דִי כַּלָּה דַארְף אִים נִישְׁט .......... ג
אִיר זֶענְט צוּרִיק גֶעגַאנְגֶען צוּ אַייעֶר מַאן .......... ד
שְׁטַארְקְט זִיךְ מִיט דִי עֵצוֹת פוּן רֶבִּי'ן .......... ה
נִישְׁט צוּם גְלוֹיבְּן וָואס דוּ לַיידְסְט אִין שְׁטוּב .......... ה
גֵיי נִישְׁט לֵיידִיג, וֶועסְטוּ הָאבְּן שָׁלוֹם בַּיִת .......... ו
קְלָלוֹת שַׁאדְט נָאר פַאר דֶעם מְקַלֵּל .......... ז
בַּיי מִיר אִיז שִׂכְחָה אַ מַעֲלָה .......... ח
יְיַשֶׁר כֹּחַ פַארְ'ן אַהֶערְשְׁטֶעלְן אַזַא שֵׁיינֶע רֹאשׁ הַשָּׁנָה .......... ט
נִישְׁט אַרַיינְבְּרֶענְגֶען דֶעם טֶעלֶעפָאן אִין שְׁטוּב .......... י
מְעוֹרֵר זַיין אוֹיף צְנִיעוּת .......... י
זַיי מַמְשִׁיךְ צוּ גֶעבְּן "פַּרְנָס הַחוֹדֶשׁ" פַאר דִי רֶענְט .......... יא
אָנְפִילְן דִי טֶעג אוּן יָארְן מִיט תּוֹרָה אוּן גוּטֶע זַאכְן .......... יא
שְׁטֶענְדִיג מְחַיֶּ' זַיין נָאךְ אַ אִיד .......... יג
מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען בִּזְכוּת דִי אִידְן וָואס זָאגְן תְּהִילִים יֶעדְן טָאג .......... יג
אַ חָתָן דַארְף פַארְגֶעסְן זַיין גַאנְצֶע עָבַר אוּן אָנְהֵייבְּן פוּנְדָאסְנַיי .......... יד
פְּחָדִים בַּיינַאכְט .......... טו
בַּיי אַ סָפֵק אִין צְנִיעוּת זָאלְסְטוּ גֵיין לְחוּמְרָא .......... טז
בֵּית הַמֶּדְרָשׁ "הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ" בֵּית שֶׁמֶשׁ .......... יז
רֶעדְן שֵׁיין צוּ יֶעדְן אֵיינֶעם .......... יח
בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר אַ שִׁידוּךְ .......... יח
עֶס אִיז דָא מִיט וָואס פְרֵיילִיךְ צוּ זַיין .......... יט

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

## וָואס טוט מֶען מִיט אַ חוּצְפָּה׳דִיג קִינְד?

### שְׁאֵלָה:

לְכָּבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר דִי פִילֶע שִׁיעוּרִים אוּן בְּרִיוו וָואס גֶעבְּן מִיר לֶעבְּן טָאג טֶעגְלִיךְ, אִיךְ וֵוייס אַז אִיר לֵייגְט אַרַיין אַזוֹיפִיל אַרְבֶּעט צוּ מְחַזֵק זַיין אִידְן, וְויל אִיךְ כָּאטְשׁ גֶעבְּן אַ גְרִיס אַז דִי דְרָשׁוֹת טוּעֶן אוֹיף אַסַאךְ, אִין זְכוּת פוּן דִי שִׁיעוּרִים הָאבּ אִיךְ בָּרוּךְ ה' אָנְגֶעהוֹיבְּן לֶערְנֶען תּוֹרָה יֶעדְן טָאג, אִיךְ בִּין מַעֲבִיר סֶדְרָה יֶעדְן טָאג, אִיךְ לֶערְן חַ"י פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת, דִי סְפָרִים פוּן רֶבִּי'ן, אוּן נָאךְ שִׁיעוּרִים.

אִיךְ הָאבּ לֶעצְטְנְס זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ זַיין בַּיים צִיּוּן פוּן מוֹהַרָ"א"שׁ אִין יַבְנְאֵל, אִיךְ הָאבּ זִיךְ בַּאדַאנְקְט פַאר מוֹהַרָא"שׁ אַז עֶר הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְּן אַזַא רֹאשׁ יְשִׁיבָה וָואס גֶעבְּט מִיר אַזוֹיפִיל חִיזוּק אִין עֵצוֹת אִין לֶעבְּן, אוּן דָארְט בַּיים צִיּוּן הָאבּ אִיךְ זִיךְ פָארְגֶענוּמֶען צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג דִי "בַּיִת נִצְחִי", בַּבְלִי יְרוּשַׁלְמִי אוּן תּוֹסֶפְתָּא.

אוֹיסֶער דֶעם וָואס מַיין גַאנְצֶע מִשְׁפָּחָה הָאט זִיךְ גֶעטוֹישְׁט אַזוֹיפִיל צוּם גוּטְן, אִיךְ מִיט מַיין וַוייבּ אוּן דִי קִינְדֶער לֶעבְּן אַלֶע מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן אָטֶעמֶען מַמָּשׁ מִיט דִי שִׁיעוּרִים פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א.

יֶעצְט צוּ מַיין פְרַאגֶע; אִיךְ הֶער כְּסֵדֶר בַּיי דִי שִׁיעוּרִים אַז מֶען טָאר נִישְׁט שְׁלָאגְן קֵיין קִינְדֶער, נָאר מֶען דַארְף רֶעדְן שֵׁיין צוּ זֵיי. וָואס טוט מֶען אָבֶּער וֶוען אַ קִינְד אִיז חוּצְפָּה'דִיג צוּ דִי עֶלְטֶערְן, מֶען הֵייסְט אִים עֶפֶּעס אוּן עֶר זָאגְט "נֵיין", מֶעג מֶען דֶעמָאלְט יָא שְׁלָאגְן? אוּן אוֹיבּ נִישְׁט, וָואס אִיז יָא דִי עֵצָה צוּ טוּן? אִיךְ רֶעד פוּן קִינְדֶער אִין עֶלְטֶער פוּן 2 בִּיז 4 יָאר.

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר אַלֶעס.

### תְּשׁוּבָה:

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת הַאֲזִינוּ, י״א תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תש״פ לִפְרָט קָטָן**

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ זָאגְט (מִשְׁלֵי כט, יז): "יַסֵּר בִּנְךָ", זַיי מְחַנֵּךְ דַיינֶע קִינְדֶער יוּנְגֶערְהֵייט "וִינִיחֶךָ", וֶועסְטוּ שְׁפֶּעטֶער הָאבְּן מְנוּחָה, "וְיִתֵּן מַעֲדַנִּים לְנַפְשֶׁךָ", אוּן דוּ וֶועסְט זֶען נַחַת פוּן זֵיי; אוֹיךְ זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי (סֵפֶר הַמִּידּוֹת, אוֹת בָּנִים, סִימָן סד): "צָרִיךְ לְלַמֵּד אֶת הַתִּינוֹק דֶּרֶךְ אֶרֶץ מִנְּעוּרָיו", מֶען דַארְף אוֹיסְלֶערְנֶען דֶעם קִינְד דֶרֶךְ אֶרֶץ וֶוען עֶר אִיז נָאךְ יוּנְג; קְלֵיינֶע קִינְדֶער בַּיי דִי עֶלְטֶער פוּן 2 בִּיז 4 דַארְף מֶען אוֹיסְלֶערְנֶען אַז אַ וָוארְט פוּן טַאטֶע מַאמֶע אִיז אַ וָוארְט, אַ קִינְד דַארְף וִויסְן אַז מֶען קֶען נִישְׁט זָאגְן 'נֵיין' וֶוען טַאטֶע מַאמֶע זָאגְן וָואס צוּ טוּן, מֶען מֶעג אוּן מֶען דַארְף גֶעבְּן אַ פֶּעטְשֶׁעלֶע וְכוּ' צוּ מְחַנֵּךְ זַיין דִי קִינְדֶער זֵיי זָאלְן הָאבְּן דֶרֶךְ אֶרֶץ.

אַסַאךְ עֶלְטֶערְן מַאכְן אַ גְרוֹיסֶע טָעוּת מִיט דֶעם וָואס זֵיי זֶענֶען נִישְׁט מְחַנֵּךְ דִי קִינְדֶער וֶוען זֵיי זֶענֶען יוּנְג, נָאכְדֶעם וֶוען דִי קִינְדֶער וַואקְסְן אוֹיף אִיז שׁוֹין אַבִּיסְל צוּ שְׁפֶּעט וְכוּ'.

דָאס וָואס מוֹהֲרָא"שׁ הָאט אַלְץ גֶערֶעדְט אוּן גֶעשְׁרִיבְּן אַז מֶען זָאל רֶעדְן שֵׁיין צוּ קִינְדֶער וְכוּ' - דָאס אִיז וֶוען זֵיי ווערְן עֶלְטֶער, דֶעמָאלְט דַארְף מֶען זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן ווִי אַזוֹי מֶען רֶעדְט מִיט זֵיי אַז מֶען זָאל נִישְׁט קַאלְיֶע מַאכְן, אָבֶּער קְלֵיינֶע קִינְדֶער דַארְף מֶען גוּט אוֹיסְפָּארֶעמֶען זֵיי זָאלְן וִויסְן אַז טַאטֶע מַאמֶע זֶענֶען נִישְׁט קַיין חֲבֵרִים, טַאטֶע מַאמֶע דַארְף מֶען פָּאלְגְן.

וְעַל כּוּלָם דַארְף מֶען וִויסְן אַז אוֹיב מֶען ווִיל מַצְלִיחַ זַיין מִיט קִינְדֶער דַארְף מֶען אַסַאךְ דַאוֶוענֶען פַאר זֵיי; מֶען דַארְף בֶּעטְן פַאר יֶעדֶע קִינְד בִּפְרָטֵי פְּרָטִיּוֹת זֵיי זָאלְן אוֹיסְוַואקְסְן גְרוֹיסֶע צַדִּיקִים, דֶעמָאלְט וֶועט מֶען זֶען נַחַת פוּן זֵיי.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶע דַיינֶע וֶועגְן.

...

~~~~~~~~~~

## הָאט מַיין עֲבֵירָה גֶעבְּרֶענְגְט דִי צָרָה?

### שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הָאבּ אַמָאל גֶעטוּן אַ הַארְבֶּע עֲבֵירָה, אוּן עֶטְלִיכֶע שָׁעָה שְׁפֶּעטֶער אִיז מַיין חַבֶר'ס מַאמֶע נִפְטָר גֶעוָוארְן, הָאט דָאס צוּ טוּן מִיט מִיר? אוּן אוֹיב יָא, וָואס קֶען אִיךְ טוּן דָאס צוּ פַארְרֶעכְטְן?

יְיַשֵּׁר כֹּחַ

### תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת הַאֲזִינוּ, י"א תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן
~~~~~~~~~~

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיװ.**

יֶעדֶע גוּטֶע זַאךְ װָאס מֶען טוּט בְּרֶענְגְט מֶען דוּרְכְדֶעם גוּטְס פַאר זִיךְ אוּן פַאר דִי גַאנְצֶע װֶועלְט, װִידֶערְאוּם אוֹיבּ מֶען טוּט אַן עֲבֵירָה חַס וְשָׁלוֹם בְּרֶענְגְט מֶען שְׁלֶעכְטְס פַאר זִיךְ אוּן פַאר אַנְדֶערֶע, אַזוֹי װִי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (קִידוּשִׁין מ:): "עָשָׂה מִצְוָה אַחַת", װֶוען אַ מֶענְטְשׁ טוּט אַ מִצְוָה, "אַשְׁרָיו, שֶׁהִכְרִיעַ אֶת עַצְמוֹ וְאֶת כָּל הָעוֹלָם לְכַף זְכוּת", װוּאוֹיל אִיז אִים אַז עֶר בְּרֶענְגְט גוּטְס פַאר זִיךְ אוּן פַאר דִי גַאנְצֶע װֶועלְט, "עָבַר עֲבֵירָה אַחַת", אָבֶּער װֶוען מֶען טוּט אַן עֲבֵירָה, "אוֹי לוֹ", װֵויי אִיז אִים, "שֶׁהִכְרִיעַ אֶת עַצְמוֹ וְאֶת כָּל הָעוֹלָם לְכַף חוֹבָה", װָאס עֶר בְּרֶענְגְט שְׁלֶעכְטְס פַאר זִיךְ אוּן פַאר דִי גַאנְצֶע װֶועלְט.

װֵויין זִיךְ אוֹיס צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן טוּ תְּשׁוּבָה, װֶועט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער דִיר מוֹחֵל זַיין אוּן אוֹיךְ פַאר דִי גַאנְצֶע װֶועלְט, אַזוֹי װִי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (יוֹמָא פו:): "גְּדוֹלָה תְּשׁוּבָה, שֶׁבִּשְׁבִיל יָחִיד שֶׁעָשָׂה תְּשׁוּבָה מוֹחֲלִין לְכָל הָעוֹלָם כֻּלּוֹ"; תְּשׁוּבָה אִיז אַזוֹי גְרוֹיס, אַז װֶוען מֶען טוּט תְּשׁוּבָה אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מוֹחֵל פַאר אַלֶעמֶען. מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן װִי שְׁטַארְק דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פְרֵיידְט זִיךְ װֶוען מֶען טוּט תְּשׁוּבָה, עֶר שְׁטֵייט אוּן װַארְט מֶען זָאל זִיךְ צוּרִיק קֶערְן צוּ אִים. דֶער נָבִיא זָאגְט (יְחֶזְקֵאל לג, יא): "אֱמֹר אֲלֵיהֶם, חַי אָנִי נְאֻם ה' אֱלֹקִים", אִיךְ שְׁװֶוער - זָאגְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, "אִם אֶחְפֹּץ בְּמוֹת הָרָשָׁע", צִי װִיל אִיךְ דֶען אַז דֶער רָשָׁע זָאל שְׁטַארְבְּן? "כִּי אִם בְּשׁוּב רָשָׁע מִדַּרְכּוֹ וְחָיָה", אִיךְ װִיל אוּן אִיךְ װַארְט עֶר זָאל תְּשׁוּבָה טוּן אוּן הָאבְּן אַ לֶעבְּן.

נֶעם דִי עֵצָה פוּן רֶבִּי'ן; דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְּן אַן עֵצָה פוּן הִתְבּוֹדְדוּת, װֶוער עֶס הֵייבְּט אָן לֶעבְּן מִיט דִי עֵצָה דְרֵייט זִיךְ אִיבֶּער בַּיי אִים דָאס גַאנְצֶע לֶעבְּן צוּם גוּטְן, מֶען הֵייבְּט אָן שְׁפִּירְן װִי 'דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מִיט מִיר, בַּיי מִיר אוּן נֶעבְּן מִיר'; פְּרוּבִּיר דָאס אוֹיס װֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ תְּשׁוּבָה שְׁלֵימָה אוּן מִיר װֶועלְן זוֹכֶה זַיין צוּ װֶוערְן אוֹיסְגֶעלֵייזְט, אַזוֹי װִי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (יוֹמָא פו:): "גְּדוֹלָה תְּשׁוּבָה שֶׁמְּקָרֶבֶת אֶת הַגְּאֻלָּה", אַזוֹי װִי עֶס שְׁטֵייט (יְשַׁעְיָהוּ נט, כ): "וּבָא לְצִיּוֹן גּוֹאֵל וּלְשָׁבֵי פֶשַׁע בְּיַעֲקֹב", אִין װָאס פַאר אַ זְכוּת װֶועט זַיין "וּבָא לְצִיּוֹן גּוֹאֵל"? װֶוען עֶס װֶועט זַיין: "לְשָׁבֵי פֶשַׁע בְּיַעֲקֹב".

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

~~~~~~~~~~~
~~~~~~~~~~~

## מֶעג מֶען לֶערְנֶען תּוֹרָה בַּאקְוֶועמֶערְהֵייט?

### שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט פְרֶעגְן אִיבֶּער דֶעם וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה זָאגְט אַז מֶען קֶען לֶערְנֶען תּוֹרָה בַּאקְוֶועמֶערְהֵייט, זִיצְנְדִיג אוֹיף דִי סָאפֶע מִיט אַ גוּטְן טְרִינְק, לְמַעֲשֶׂה שְׁטֵייט דָאךְ אַז מֶען דַארְף לֶערְנֶען תּוֹרָה בְּרֶתֶת וּבְזֵיעָה, וִוי אַזוֹי קֶען מֶען זָאגְן אַז מֶען קֶען לֶערְנֶען אַזוֹי?

יְיַשֵׁר כֹּחַ

### תְּשׁוּבָה:

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת הַאֲזִינוּ, י״א תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תש״פ לִפְרָט קָטָן**

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

**חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (זְבָחִים ה.): ״רָמֵי רֵישׁ לָקִישׁ עַל מְעוֹהִי בֵּי מִדְרְשָׁא״, רֵישׁ לָקִישׁ אִיז גֶעלֶעגְן אִין בֵּית הַמֶּדְרָשׁ אוּן גֶעפְרֶעגְט וְכוּ׳, זָאגְט רַשִׁ״י: ״שׁוֹכֵב עַל בִּטְנוֹ, פָּנָיו כְּלַפֵּי קַרְקַע״, עֶר אִיז גֶעלֶעגְן אוֹיפְ׳ן בּוֹיךְ מִיטְ׳ן פָּנִים צוּ דֶער עֶרְד; בְּרֶענְגְט דֶער בֶּן אִישׁ חַי זֵכֶר צַדִּיק לִבְרָכָה (שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת תּוֹרָה לִשְׁמָהּ, סִימָן שסז) וואוּ אֵיינֶער פְרֶעגְט אִים צִי מֶען מֶעג לֶערְנֶען תּוֹרָה לִיגֶעדִיגֶערְהֵייט, אוֹיבּ דָאס אִיז דֶרֶךְ אֶרֶץ׳דִיג, בְּרֶענְגְט עֶר אַ רְאָי׳ פוּן דִי גְמָרָא, אַז מֶען זֶעט דָא וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֵישׁ לָקִישׁ הָאט גֶעלֶערְנְט תּוֹרָה לִיגֶעדִיג; אוֹיבּ אֵיינֶער אִיז אָפְּגֶעמַאטֶערְט מֶעג עֶר לֶערְנֶען תּוֹרָה לִיגֶעדִיג.**

**ווארּיל אִיז דֶעם וָואס לֶערְנְט תּוֹרָה בְּשָׁכְבְּךָ וּבְקוּמֶךָ, וֶוען עֶר הָאט אַבִּיסְל צַייט כַאפְּט עֶר אַרַיין נָאךְ תּוֹרָה אוּן עֶר קוּקְט נִישְׁט אוֹיף קַיין שׁוּם שְׁטֶערוּנְגֶען, דֶער וֶועט זוֹכֶה זַיין צוּ שְׂכַר אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט, אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (מִשְׁנָה פֵּאָה א, א): ״וְתַלְמוּד תּוֹרָה כְּנֶגֶד כּוּלָּם״.**

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.**

...

~~~~~~~~~~~

## וִוי אַזוֹי שַׁאפְט מֶען חֲבֵרִים זִיךְ צוּ שְׁטַארְקְן אִינְאֵיינֶעם?

### שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

צוּם עֶרְשְׁט וִויל אִיךְ זִיךְ זַייעֶר בַּאדַאנְקֶען אוֹיף דִי הֶערְלִיכֶע שִׁיעוּרִים, זַייט אִיךְ הָאבּ אָנְגֶעהוֹיבְּן הֶערְן דִי
~~~~~~~~~~~

גֶעוואלְדִיגֶע שִׁיעוּרִים הָאט זִיךְ מַיין לֶעבְּן מַמָּשׁ גֶעטוֹישְׁט, אִיךְ שְׁפִּיר אַ נָאנְטְקַייט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן אִיךְ שְׁפִּיר אַ זִיסְקַייט אִין לֶעבְּן, אִיךְ דַּאנְק דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז אִיךְ הָאב זוֹכֶה גֶעוֶוען אָנְצוּקוּמֶען צוּ דִי שִׁיעוּרִים.

אִיךְ וואוֹין אוֹיף אַ פְּלַאץ וואוּ עֶס זֶענֶען דָא אַסַאךְ בְּרֶסְלֶב'עֶ אִידְן, אָבֶּער אַסַאךְ פוּן זֵיי זֶענֶען מִתְנַגְדִים אוֹיפְ'ן רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א אוּן אוֹיף מוֹהֲרָא"שׁ זי"ע, אוּן דָאס שְׁטֶערְט מִיר זֵייעֶר שְׁטַארְק.

אִיךְ ווייס וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א זָאגְט כְּסֵדֶר אַז מֶען טָאר נִישְׁט קוּקְן אוֹיף אַנְדֶערֶע, נָאר קוּקְן וָואס אִיז גוּט פַאר מִיר, לְמַעֲשֶׂה אָבֶער וֶוען אִיךְ הֶער אַ גוּטֶע שִׁיעוּר פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א שְׁפִּיר אִיךְ ווִי אִיךְ ווִיל דָאס אוֹיסְשְׁמוּעֶסְן מִיט נָאךְ אֵיינֶעם, אִיךְ ווִיל עֶס מִיטְטֵיילְן מִיט אַנְדֶערֶע, אוּן אִיךְ קֶען דָאס נִישְׁט טוּן דָא. אִיךְ וֶועל זִיךְ פְרֵייעֶן אוֹיב דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א וֶועט מִיר גֶעבְּן אַן עֵצָה אִיבֶּער דֶעם.

יְיַשֵׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת הַאֲזִינוּ, י"א תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן**

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

**אִיךְ הָאב עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

**אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט דִיר גֶעהָאלְפְן, דוּ בִּיסְט מְקוּרָב גֶעוָוארְן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, זָאלְסְטוּ עוֹסֵק זַיין אִין הַפָּצָה - מְקָרֵב זַיין נָאךְ אִידְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעהֵייסְן מִיר זָאלְן עוֹסֵק זַיין אִין הַפָּצָה, מִיר זָאלְן צוּרִיק בְּרֶענְגֶען מֶענְטְשְׁן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. אַזוֹי ווִי רֶבִּי נָתָן שְׁרַייבְּט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן תקמג): "כַּמָּה פְּעָמִים הָיָה מְדַבֵּר הַרְבֵּה עִמָּנוּ, וְהִזְהִיר אוֹתָנוּ מְאֹד לְקָרֵב נְפָשׁוֹת לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, לְהִשְׁתַּדֵּל לְדַבֵּר הַרְבֵּה עִם בְּנֵי אָדָם, כְּדֵי לְעוֹרְרָם וְלַהֲשִׁיבָם לְקָרְבָם לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ", דֶער רֶבִּי הָאט זֵייעֶר אַסַאךְ מָאל גֶערֶעדְט מִיט אוּנְז אוּן אוּנְז גֶעהֵייסְן מִיר זָאלְן עוֹסֵק זַיין אִין מְקָרֵב זַיין אִידִישֶׁע קִינְדֶער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, "וְכַמָּה פְּעָמִים הָיָה מְבַזֶּה אוֹתָנוּ בְּבִזְיוֹנוֹת עַל שֶׁאָנוּ מִתְעַצְּלִים בָּזֶה, וּפַעַם אַחַת קָרָא אוֹתָנוּ 'עֵצִים יְבֵשִׁים' עַל שֶׁאֵין אָנוּ מוֹלִידִים נְפָשׁוֹת שֶׁיִּתְקָרְבוּ לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ עַל יָדֵינוּ", אוּן זֵייעֶר אַסַאךְ מָאל הָאט דֶער רֶבִּי אוּנְז פַארְשֶׁעמְט אוּן אוּנְז אָנְגֶערוּפְן: "עֵצִים יְבֵשִׁים" - טְרוּקֶענֶע בֵּיימֶער, ווַייל מִיר גֶעבּוֹירְן נִישְׁט קַיין פְרִישֶׁע נְפָשׁוֹת צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. "וּפַעַם אַחַת בְּלֵיל מוֹצָאֵי שַׁבָּת עָמַדְנוּ לְפָנָיו עִם כַּמָּה אֲנָשִׁים מֵהַחֲשׁוּבִים שֶׁלּוֹ, וְהוֹכִיחַ אוֹתָנוּ מְאֹד כַּמָּה שָׁעוֹת עַל עִנְיָן זֶה", אֵיינְמָאל מוֹצָאֵי שַׁבָּת הָאט דֶער רֶבִּי אוּנְז גֶעגֶעבְּן מוּסָר אַפָּאר שָׁעָה, הַיְתָּכֵן מִיר זֶענֶען נִישְׁט גֶענוּג עוֹסֵק אִין הַפָּצָה.**

מִיר דַארְפְן שְׁטֶענְדִיג גֶעדֶענְקֶען וָואס דֶער רֶבִּי גֶעבְּט אוּנְז; דֶער רֶבִּי גֶעבְּט לֶעבְּן פַארְ'ן מֶענְטְשׁ. דוּ שְׁרַייבְּסְט אַז דַיין לֶעבְּן הָאט זִיךְ אִינְגַאנְצְן גֶעטוֹישְׁט דַארְפְסְטוּ הָאבְּן הַכָּרַת הַטּוֹב פַארְן רֶבִּי'ן, פַאר מוֹהֲרָא"שׁ אוּן טְרַאכְטְן: 'ווִי אַזוֹי קֶען אִיךְ מַאכְן נָאךְ אַ אִיד זָאל אָנְהוֹיבְּן לֶעבְּן מִיט דִי זִיסֶע עֵצוֹת?'

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט (סִיפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת, מַעֲשֶׂה יג) וִוי דֶער טוֹיבֶּער בֶּעטְלֶער הָאט גֶעזָאגְט פַאר דִי עֲשִׁירִים וָואס הָאבְּן זִיךְ בַּארִימְט מִיט זֵייעֶר חַיִּים טוֹבִים: "אִיךְ לֶעבּ אַ חַיִּים טוֹבִים בֶּעסֶער וִוי אַייךְ, וְהָא רְאַי', אוֹיבּ אִיר לֶעבְּט אַ חַיִּים טוֹבִים הֶעלְפְט דִי מְדִינָה".

וֶוען דוּ וֶועסְט עוֹסֵק זַיין אִין הַפָּצָה וֶועסְטוּ צוּבִּיסְלֶעךְ זֶען וִוי אַלֶע שֶׁעפְּן חַיּוּת פוּן סִפְרֵי מוֹהֲרַאנַ"שׁ, בְּיוֹדְעִים וּבְלֹא יוֹדְעִים; פוּן אִינְדְרוֹיסְן אִיז דָא אַן הַעֲלָמָה אוּן אַן הַסְתָּרָה, אַלֶעס אִיז פַארְשְׁטֶעלְט אוּן בַּאהַאלְטְן, עֶס זֶעט אוֹיס וִוי עֶס אִיז דָא מִתְנַגְּדִים, מֶען שְׁפֶּעט פוּן דִי קוּנְטְרֵסִים וְכוּ', אָבֶּער שְׁטִילֶערְהֵייט הָאבְּן אַלֶע חַיּוּת פוּן דִי סְפָרִים, דִי סְפָרִים אוּן קוּנְטְרֵסִים זֶענֶען מְחַיֶּה דִי גַאנְצֶע וֶועלְט; הֵייבּ אָן פַארְשְׁפְּרֵייטְן דִי סְפָרִים אוּן קוּנְטְרֵסִים וֶועסְטוּ צוּבִּיסְלֶעךְ זֶען אַז עֶס אִיז דָא מִיט וֶועם צוּ רֶעדְן אוּן זִיךְ מְחַזֵּק זַיין.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

~~~~~~~~~~

## וִוי אַזוֹי הַאלְט מֶען זִיךְ פְרֵיילִיךְ אִין שְׁוֶוערֶע צַייטְן?

### שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

קוֹדֶם וִויל אִיךְ זֵייעֶר שְׁטַארְק בַּאדַאנְקֶען פַאר אַלֶע שִׁיעוּרִים, עֶס גֶעבְּט מִיר אַסַאךְ חִיזּוּק אִין לֶעבְּן.

אִיךְ הָאבּ בָּרוּךְ ה' אַ דַזשאבּ, אָבֶּער אִיךְ מוּטְשֶׁע זִיךְ זֵייעֶר שְׁטַארְק, אִיךְ פְּרוּבִּיר זִיךְ צוּ הַאלְטְן אַלְץ פְרֵיילִיךְ, כָאטְשׁ וָואס אִיךְ הָאבּ מַמָּשׁ נִישְׁט דִי מִינִימוּם וָואס אַ מִשְׁפָּחָה מִיט פִינְף מֶענְטְשְׁן דַארְפְן הָאבְּן צוּם לֶעבְּן.

עֶס אִיז אָבֶּער דָא טֶעג וָואס אִיךְ וֶוער זֵייעֶר שְׁטַארְק צוּבְּרָאכְן אוּן דֶעפְּרֶעסְט. וִוי אַזוֹי קֶען אִיךְ זִיךְ דֶערְהַאלְטְן אוּן זִיךְ שְׁטַארְקְן אִין אַזֶעלְכֶע מַצָּבִים.

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵּׁר כֹּחַ פַאר אַלֶעס, נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער קֶען אַייךְ בַּאצָאלְן פַאר אַלֶעס. אִיךְ הָאבּ יֶעצְט גֶעמַאכְט אַ סִיּוּם אוֹיף מַסֶּכֶת מַכּוֹת אוּן מַסֶּכֶת מְגִילָּה גְמָרָא רַשִׁ"י, אַלֶעס אִין אֵייעֶר זְכוּת.

יְיַשֵּׁר כֹּחַ

### תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרֵךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת בְּרֵאשִׁית, אִסְרוּ חַג, כ"ד תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.
~~~~~~~~~~

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

וואוּיל אִיז דִיר אַז דוּ פְּרוּבִּירְסְט מִיט אַלֶע דַיינֶע כֹּחוֹת צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ אֲפִילוּ אִין דִי שְׁוֶועֶרֶע צַייטְן וְכוּ'; דֶער זוֹהַר הַקָדוֹשׁ זָאגְט (הַקְדָמָה, ד.): יֶעדְן טָאג גֵייט אַרוֹיס אַ בַּת קוֹל פוּן הִימְל וָואס רוּפְט אוֹיס: "מָאן מִנְכוֹן דִי חֲשׁוֹכָא מְהַפְּכָן לִנְהוֹרָא"? וֶוער פוּן אַייךְ קֶען אִיבֶּערְדְרֵייעֶן אוּן מַאכְן פוּן טוּנְקְל - לִיכְטִיג, "וְטָעֲמִין מְרִירָא לְמִתְקָא עַד לָא יֵיתוֹן הָכָא", וֶוער פוּן אַייךְ קֶען אִיבֶּערְדְרֵייעֶן אוּן מַאכְן פוּן בִּיטֶער - זִיס; "מָאן מִנְכוֹן דִמְחַכָּאן בְּכָל יוֹמָא לִנְהוֹרָא דְנָהִיר, וְכוּ'?" וֶוער וַוארְט יֶעדְן טָאג אַז עֶס זָאל לִיכְטִיג וֶוערְן - דֶער וֶועט הָאבְּן אַ חֵלֶק לְעוֹלָם הַבָּא; וַוייל וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז זוֹכֶה אוּן עֶר מַאכְט פוּן זַיין בִּיטֶערֶע לֶעבְּן אַ זִיס לֶעבְּן אוּן פוּן זַיין טוּנְקְלְקֵייט - לִיכְטִיג, וַוייל עֶר וֵוייסְט אַז אִין דִי טוּנְקְלְקֵייט אִיז בַּאהַאלְטְן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, אוּן אִין דִי בִּיטֶערְנִישׁ אִיז בַּאהַאלְטְן דֶער זִיסֶער בַּאשֶׁעפֶער - דֶער אִיז אַ צַדִיק אוּן עֶר אִיז זוֹכֶה צוּ עוֹלָם הַבָּא.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן לג, אוֹת ג): "יֵשׁ שְׁנֵי מִינֵי יָמִים: 'יְמֵי טוֹב וִימֵי רַע'", יֶעדֶע מֶענְטְשׁ הָאט גוּטֶע טֶעג אוּן שְׁוֶועֶרֶע טֶעג, וָואס אִיז דִי עֵצָה צוּ קֶענֶען אַרִיבֶּער גֵיין בְּשָׁלוֹם דִי שְׁוֶועֶרֶע טֶעג? זָאגְט דֶער רֶבִּי, שְׁלֹמֹה הַמֶלֶךְ זָאגְט (קֹהֶלֶת ז, יד): "בְּיוֹם טוֹבָה, הֱיֵה בְטוֹב", אִין אַ טָאג וָואס עֶס גֵייט דִיר גוּט, זָאלְסְטוּ זִיךְ בַּאנוּצְן מִיט דִי גוּטְס, "וּבְיוֹם רָעָה רְאֵה", אוּן אִין דִי שְׁלֶעכְטֶע טֶעג זָאלְסְטוּ קוּקְן, "הַיְנוּ שֶׁצָּרִיךְ לָאָדָם לְהִסְתַּכֵּל שָׁם הֵיטֵב הֵיטֵב, בְּוַדַּאי יִמְצָא שָׁם יְמֵי טוֹב", דָאס הֵייסְט, מֶען דַארְף גוּט אַרַיין קוּקְן אִין דִי שְׁלֶעכְטְס וֶועט מֶען זִיכֶער טְרֶעפְן גוּטְס; אַז מֶען קוּקְט גוּט אַרַיין אִינֶעם שְׁוֶוערִיקַייט זֶעט מֶען אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מָלֵא רַחֲמִים אוּן עֶס אִיז אַלֶעס מִיט גְרוֹיס חֲסָדִים.

וואוּיל אִיז דֶעם וָואס נֶעמְט אַרַיין אִין זִיךְ דִי וֶוערְטֶער פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, עֶר קוּקְט שְׁטֶענְדִיג אוֹיף דִי חֲסָדִים וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער טוּט מִיט אִים, וֶועט עֶר זִיךְ קֶענֶען דֶערְהַאלְטְן אִין דִי שְׁוֶוערְסְטֶע זְמַנִים.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶע דַיינֶע וֶועגְן.

...

~~~~~~~~~~~

### ווִי אַזוֹי מַאכְט מֶען אַ גֶעשְׁמַאקֶע אַטְמָאסְפֶער אִינְדֶערְהֵיים?

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

יְיִשַׁר כֹּחַ פַאר אַלֶע שִׁיעוּרִים אוּן חִיזוּק וָואס הָאבְּן מִיר מַמָשׁ גֶעגֶעבְּן דֶעם שֵׂכֶל אִין לֶעבְּן ווִי אַזוֹי צוּ
~~~~~~~~~~~

האַנדְלֶען מִיט זִיךְ אַלֵיין, מִיט דִי וַוייבּ אוּן קִינְדֶער, אוּן מִיט אַלֶעס אִין לֶעבְּן.

דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א רֶעדְט כְּסֵדֶר אַז מֶען דַארְף גֶעבְּן גוּטֶע וֶוערְטֶער פַּאר דִי וַוייבּ אוּן קִינְדֶער, מֶען דַארְף זֵיי מְקָרֵב זַיין אוּן מַאכְן גוּט פִילְן שְׁטֶענְדִיג. אִיךְ בִּין נִישְׁט אוֹיפְגֶעוָואקְסְן אַזוֹי, אוּן אִיךְ ווייס פְּשׁוּט נִישְׁט ווִי אַזוֹי מֶען טוּט דָאס, אֶפְשָׁר קֶען דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א מִיר אוֹיסְלֶערְנֶען, גֶעבְּן דוּגְמָאוֹת, ווִי אַזוֹי מֶען גֶעבְּט לִיבְּשַׁאפְט פַּאר אַ מֶענְטְשׁ, ווִי אַזוֹי אִיז מֶען מְקָרֵב דִי קִינְדֶער אוּן דִי וַוייבּ אַז זֵיי זָאלְן זִיךְ שְׁפִּירְן גֶעשְׁמַאק צוּ זַיין אִינְדֶערְהֵיים.

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת בְּרֵאשִׁית, אִסְרוּ חַג, כ"ד תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן**

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיווּ.**

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה דֶערְצֵיילְן (שַׁבָּת לא.) עֶס אִיז גֶעקוּמֶען אַ גוֹי צוּם הֵיילִיגְן תַּנָּא הִלֵּל הַזָּקֵן אַז עֶר ווִיל זִיךְ מְגַיֵּיר זַיין בִּתְנַאי אוֹיבּ עֶר קֶען אִים אוֹיסְלֶערְנֶען דִי גַאנְצֶע תּוֹרָה ווִי לַאנְג עֶר שְׁטֵייט אוֹיף אֵיין פוּס, הָאט אִים הִלֵּל הַזָּקֵן גֶעזָאגְט דִי פָּאר וֶוערְטֶער: "דְּעָלָךְ סָנֵי - לְחַבְרָךְ לָא תַעֲבִיד", וָואס דוּ ווִילְסְט נִישְׁט מֶען זָאל טוּן פַאר דִיר - זָאלְסְטוּ נִישְׁט טוּן פַאר דַיין חַבֵר, "זוֹ הִיא כָּל הַתּוֹרָה כּוּלָהּ"; דָאס זֶעלְבֶּע זָאג אִיךְ דִיר, אַז דוּ ווִילְסְט ווִיסְן ווִי אַזוֹי מֶען גֶעבְּט לִיבְּשַׁאפְט אִין שְׁטוּבּ פַאר דִי וַוייבּ אוּן קִינְדֶער, זָאלְסְטוּ שְׁטֶענְדִיג טְרַאכְטְן: 'דְּעָלָךְ סָנֵי - לְחַבְרָךְ לָא תַעֲבִיד, וָואס דוּ ווִילְסְט נִישְׁט מֶען זָאל טוּן פַאר דִיר, זָאלְסְטוּ נִישְׁט טוּן פַאר דַיין חַבֵר'; ווִי אַזוֹי וָואלְסְטוּ גֶעוָואלְט מֶען זָאל רֶעדְן צוּ דִיר? מֶען זָאל זִיךְ פִירְן מִיט דִיר? אַזוֹי זָאלְסְטוּ רֶעדְן צוּ זֵיי.

אַז דוּ ווִילְסְט אוֹיפְבּוֹיעֶן דַיין שָׁלוֹם בַּיִת, דוּ ווִילְסְט זַיין אַ גוּטֶער מַאן אוּן אַ גוּטֶער טַאטֶע, זָאלְסְטוּ בְּעִיקָר אַכְטוּנְג גֶעבְּן ווִי אַזוֹי דוּ רֶעדְסְט צוּ דַיין וַוייבּ. גֶעבּ אַ קוּק וָואס דֶער תּוֹרָה לֶערְנְט אוּנְז, וֶוען דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעהֵייסְן מֹשֶׁה רַבֵּינוּ גֶעבְּן דִי תּוֹרָה פַּאר דִי אִידְן הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִים גֶעזָאגְט (שְׁמוֹת יט, ג): "כֹּה תֹאמַר לְבֵית יַעֲקֹב, וְתַגֵּיד לִבְנֵי יִשְׂרָאֵל"; "בֵּית יַעֲקֹב" דָאס מֵיינְט מֶען דִי פְרוֹיעֶן, אוּן "בְּנֵי יִשְׂרָאֵל" דָאס מֵיינְט מֶען דִי מֶענֶער; בַּיי דִי פְרוֹיעֶן שְׁטֵייט אַ לָשׁוֹן: "תֹאמַר", וָואס חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן אוֹיף דֶעם (מְכִילְתָּא ד בַּחוֹדֶשׁ, סִימָן ב; שַׁבָּת פז.): "בַּאֲמִירָה רַכָּה", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעזָאגְט פַאר מֹשֶׁה רַבֵּינוּ עֶר זָאל רֶעדְן צוּ זֵיי מִיט אַ ווֵייכֶע שְׁפְּרַאךְ, אוּן פַאר דִי מֶענֶער זָאל עֶר זָאגְן: "'וְתַגֵּיד לִבְנֵי יִשְׂרָאֵל' - עוֹנְשִׁים וְדִקְדּוּקִין פָּרֵשׁ לִזְכָרִים, דְּבָרִים הַקָּשִׁין כְּגִידִין"; זֶעט מֶען פוּן דֶעם אַז מֶען דַארְף רֶעדְן אִין שְׁטוּבּ ווֵייכֶע דִיבּוּרִים.

בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטֶער דִי תְּפִילָה וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אֱלִימֶלֶךְ פוּן לִיזֶענְסְק זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט מְתַקֵן גֶעוֶוען (תְּפִלָּה קוֹדֶם הַתְּפִלָּה), וואוּ עֶר בֶּעט אִין דִי תְּפִילָה: "וְשֶׁנְּדַבֵּר כָּל אֶחָד אֶת חֲבֵרוֹ בַּדֶּרֶךְ הַיָּשָׁר וְהָרָצוּי לְפָנֶיךָ", הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶּער הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל רֶעדְן שֵׁיין צוּ אַ צְוֵוייטְן, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל רֶעדְן צוּ מַיין וַוייבּ אֵיידְל אוּן שֵׁיין", אוֹיךְ זָאלְסְטוּ נִישְׁט זַיין קַיין קַארְגֶער אוֹיף גוּטֶע וֶוערְטֶער, גוּטֶע וֶוערְטֶער אִיז קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶענוּג, וִויפִיל מֶען גֶעבְּט קֶען מֶען אַלְץ מוֹסִיף זַיין נָאךְ גוּטֶע וֶוערְטֶער.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶע דַיינֶע וֶועגְן.

...

~~~~~~~~~~~

### ווִי אַזוֹי טְרֶעפְט מֶען דֶעם וֶועג אַרוֹיס פוּן בְּלָאטֶע?

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ בִּין אַ יוּנְגֶער בָּחוּר אוּן אִיךְ מוּטְשֶׁע זִיךְ זֵייעֶר מִיט שְׁוֶוערֶע נִסְיוֹנוֹת. שׁוֹין פוּן דִי נַיין יָאר הָאבּ אִיךְ זִיךְ גֶעשַׁאפְט אַ סְמַארְטְפָאוּן מִיט אִינְטֶערְנֶעט אוּן גֶעקוּקְט דִי עֶרְגְסְטֶע זאכְן אוּן גֶעטוּן הַארְבֶּע עֲבֵירוֹת רַחְמָנָא לִיצְלָן, דֶערְנָאךְ הָאבּ אִיךְ זִיךְ גֶעטְרָאפְן בָּחוּרִים וָואס הָאבְּן גֶעטוּן מִיט מִיר עֲבֵירוֹת, אוּן אַזוֹי אִיז מַיין לֶעבְּן מַמָּשׁ צוּגְרוּנְד גֶעגַאנְגֶען, אִיךְ בִּין פַארְנוּמֶען מִיט עֲבֵירוֹת טָאג טֶעגְלִיךְ, אוּן אִיךְ זוּךְ דֶעם וֶועג אַרוֹיס.

בָּרוּךְ ה' אַז יֶעצְט הָאבּ אִיךְ שׁוֹין נִישְׁט קַיין סְמַארְטְפָאוּן, אָבֶּער אַ לֶעפְּטַאפּ הָאבּ אִיךְ יָא וָואס לָאזְט מִיר נוּצְן שׁוֹין פוּן אַלְס קְלֵיין קִינְד, עֶר וֵוייסְט אָבֶּער נִישְׁט אַז אִיךְ הָאבּ גֶעטְרָאפְן אַ וֶועג וִוי אַזוֹי אָנְצוּקוּמֶען צוּ אִינְטֶערְנֶעט דֶערְמִיט, אוּן לֵיידֶער נוּץ אִיךְ דָאס אוֹיךְ נָאר פַאר עֲבֵירוֹת.

אִיךְ ווֵיין צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז אִיךְ זָאל טְרֶעפְן אַ וֶועג אַרוֹיס, אִיךְ וֵוייס נִישְׁט וָואס צוּ טוּן, אֶפְשָׁר קֶען דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א מִיר הֶעלְפְן אוּן גֶעבְּן אַ וֶועג צוּרִיק צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן צוּ אַ נָארְמַאלֶע עֶרְלִיכֶע לֶעבְּן.

יִישַׁר כֹּחַ פַאר דִי גִלָּיוֹן מִיט וָואס אִיךְ בִּין זִיךְ מְחַיֶה יֶעדֶע וָואךְ.

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת בְּרֵאשִׁית, אִסְרוּ חַג, כ"ד תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד הַבָּחוּר ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

עֶס אִיז אַ גְרוֹיס רַחְמָנוּת אוֹיף דִיר, אַזוֹיפִיל יָאר וָואס דוּ לִיגְסְט גֶעבֶּעךְ אִין אַזַא בְּלָאטֶע; פוּן אֵיין זַייט בִּיסְטוּ אַזוֹי יוּנְג, דוּ הָאסְט קוֹים אָנְגֶעהוֹיבְּן דַיין לֶעבְּן, אוּן פוּן דִי
~~~~~~~~~~~

אַנְדֶערֶע זַייט בִּיסְטוּ שׁוֹין אַזוֹי אַיינְגֶעזִינְקֶען אִין עֲבֵירוֹת, אִין דִי עֲבֵירָה פוּן פְּגַם הַבְּרִית רַחְמָנָא לִצְלָן, וָואס דֶער זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ זָאגְט (וַיֵּשֶׁב קפח.; וַיְחִי ריט.) אַז וֶוער עֶס זִינְדִיגְט אִין דִי עֲבֵירָה פוּן פְּגַם הַבְּרִית - הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָּלָה רַחְמָנָא לִצְלָן, אִים הֶעלְפְט שׁוֹין נִישְׁט קַיין תְּשׁוּבָה.

אָבֶּער וִויסְן זָאלְסְטוּ אַז דֶער רֶבִּי קֶען דִיר הֶעלְפְן; דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט אוֹיף דֶעם אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְטְן זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ, אַז אוֹיב מֶען זִינְדִיגְט אִין פְּגַם הַבְּרִית הֶעלְפְט נִישְׁט קַיין תְּשׁוּבָה (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן עא): "קֵיינֶער פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט פְּשַׁט אִין דֶעם זוֹהַר - נָאר אִיךְ, אוּן אִיךְ זָאג אַז עֶס הֶעלְפְט יָא תְּשׁוּבָה, אֲפִילוּ אֵיינֶער וָואס הָאט אַסַאךְ גֶעזִינְדִיגְט אִין דִי עֲבֵירָה"; דֶער רֶבִּי קֶען יֶעדְן אֵיינֶעם הֶעלְפְן, אֲפִילוּ אֵיינֶער וָואס אִיז קְרַאנְק אוּן לַיידְט פוּן דִי עֶקֶלְדִיגֶע נִסְיוֹנוֹת קֶען אוֹיךְ אַרוֹיס קְרִיכְן פוּן זַיינֶע עֶקֶלְדִיגֶע גֶעמֵיינֶע שְׁמוּץ אוֹיב עֶר וֶועט פָאלְגְן דֶעם רֶבִּי'ן.

נֶעם דִי עֵצָה פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן יט): "אֲפִילוּ אוֹתָן הָאֲנָשִׁים הָרְחוֹקִים מִן הַקְּדֻשָּׁה מְאֹד, שֶׁנִּלְכְּדוּ בִּמְצוּדָה רָעָה, עַד שֶׁרְגִילִין בַּעֲבֵרוֹת חַס וְשָׁלוֹם רַחֲמָנָא לִצְלָן", אֲפִילוּ אַ מֶענְטְשׁ וָואס אִיז זֵייעֶר וַוייט פוּן קְדוּשָּׁה, עֶר טוּט עֲבֵירוֹת רַחְמָנָא לִצְלָן אוּן עֶר אִיז שׁוֹין אַרָאפּ גֶעפַאלְן אִין שְׁאוֹל תַּחְתִּית, "אַף עַל פִּי כֵן, הַכֹּחַ שֶׁל הַתּוֹרָה גָּדוֹל כָּל כָּךְ, עַד שֶׁיְּכוֹלָה לְהוֹצִיא אוֹתָם מִן הָעֲבֵרוֹת שֶׁרְגִילִין בָּהֶם חַס וְשָׁלוֹם. וְאִם יַעֲשׂוּ לָהֶם חֹק קָבוּעַ וְחִיּוּב חָזָק לִלְמֹד בְּכָל יוֹם וָיוֹם כָּךְ וְכָךְ, יִהְיֶה אֵיךְ שֶׁיִּהְיֶה, בְּוַדַּאי יִזְכּוּ לָצֵאת מִמְּצוּדָתָם הָרָעָה עַל יְדֵי הַתּוֹרָה, כִּי כֹּחַ הַתּוֹרָה גָּדוֹל מְאֹד", אוֹיב וֶועט עֶר זִיךְ מַאכְן אַ קְבִיעוּת צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג "כַּךְ וְכַךְ" וֶועט עֶר סוֹף כָּל סוֹף אַרוֹיס גֵיין פוּן זַיין בְּלָאטֶע, וַוייל דִי כֹּחַ פוּן תּוֹרָה אִיז אַזוֹי גְרוֹיס אַז עֶס נֶעמְט אַרוֹיס דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן זַיין שְׁלֶעכְטְס.

דֶערִיבֶּער אַז דוּ בִּיסְט נֶעבֶּעךְ אַזוֹי אַרָאפְּגֶעפַאלְן אִין עֲבֵירוֹת, אִיז דָא פַאר דִיר אֵיין עֵצָה: נֶעם אַ מִשְׁנָיוֹת אוּן הֵייבּ אָן לֶערְנֶען מִשְׁנָיוֹת; לֶערְן אֵיין פֶּרֶק נָאכְ'ן צְוֵוייטְן, אִין אָנְהֵייבּ וֶועסְטוּ נִישְׁט פַארְשְׁטֵיין וָואס דוּ לֶערְנְסְט וַוייל פוּן אַזוֹיפִיל מָאל זִינְדִיגְן אִין דִי עֶקֶלְדִיגֶע עֲבֵירָה פוּן פְּגַם הַבְּרִית הָאסְטוּ פַארְלוֹירְן דַיין מֹחַ, אַזוֹי וִוי דֶער זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ זָאגְט (עַיֵּין פָּרָשַׁת מִשְׁפָּטִים, קי): "סַלְּוּקָא דִיסוֹדָא עַד אַבָּא וְאִמָּא", אַז מֶען אִיז פּוֹגֵם בִּבְרִית - מֶען אִיז פּוֹגֵם בִּיְסוֹד, גֵייט דֶער פְּגָם בִּיז'ן מֹחַ; מֶען פַארְלִירְט דֶעם כֹּחַ פוּן זִיךְ קֶענֶען קָאנְצֶעטְרִירְן וְכוּ', אָבֶּער אַז מֶען לֶערְנְט אוֹיפְ'ן סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִּימוּד פוּן רֶבִּי'ן (כַּמְבוֹאָר בְּשִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן עו) אַז אֲפִילוּ מֶען פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט וָואס מֶען לֶערְנְט זָאל מֶען וַוייטֶער זָאגְן דִי וֶוערְטֶער פוּן דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה; דוּרְכְדֶעם אִיז מֶען זוֹכֶה אַז מֶען וֶוערְט אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, מֶען הֵייבְּט אָן לֶעבְּן אַ גֶעזוּנְטֶע לֶעבְּן, אַ לֶעבְּן מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען לָאזְט אָפּ דִי

מְטוּמְטָמְ׳דִיגֶע עֲבֵירָה, מֶען הֶערְט אוֹיף צוּ טוּן עֲבֵירוֹת אוּן מֶען רַייסְט זִיךְ אַרוֹיס פוּן דִי קְלִפּוֹת.

נָאךְ אַ עֵצָה הָאט דֶער רֶבִּי פַּאר דִיר, דוּ זָאלְסְט זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דַיין שְׂפְּרַאךְ; בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל רַחְמָנוּת הָאבְּן אוֹיף דִיר, דֶערְצֵייל אִים דִי גַאנְצֶע מַעֲשֶׂה פוּן דִי נַיין יָאר וֶוען דוּ הָאסְט זִיךְ גֶעקוֹיפְט אַ סְמַארְטְפָאוֹן אוּן גֶעזֶען אַלֶע שְׁלֶעכְטְס פוּן דִי וֶועלְט, וֵויין צוּ אִים אַז דוּ ווִילְסְט אַרוֹיס קְרִיכְן פוּן דֶעם, דוּרְכְדֶעם וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין בְּמֶשֶׁךְ הַיָמִים פָּטוּר צוּ וֶוערְן פוּן דַיין עָבַר.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

~~~~~~~~~~

## קֶען מֶען אוֹיךְ פּוֹעֵל׳ן אַ זִיווּג שֵׁנִי אִין יַבְנְאֵל?

### שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ בִּין זִיךְ זֵייעֶר מְחַיֶה מִיט דִי שִׁיעוּרִים, אִיךְ הָאבּ שׁוֹין זוֹכֶה גֶעוֶועְן צוּ עֶנְדִיגְן עֶטְלִיכֶע מַסֶכְתּוֹת, אוּן אִיךְ גֵיי יֶעצְט עֶנְדִיגְן שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה צוּם עֶרְשְׁטְן מָאל בָּרוּךְ ה', אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר דֶעם אוּן פַאר אַלֶעס.

אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט פְרֶעגְן אִיבֶּער דִי סְגוּלָה פוּן מוֹהֲרָא"שׁ פַאר שִׁידוּכִים, אַז מֶען זָאל אוֹיסְזָאגְן גַאנְץ תְּהִלִים בַּיי זַיין צִיוּן, אוֹיבּ דָאס אִיז נָאר פַאר בָּחוּרִים, אָדֶער קֶען דָאס אוֹיךְ הֶעלְפְן צוּ טְרֶעפְן אַ זִיווּג שֵׁנִי?

יְיַשֵׁר כֹּחַ

### תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרֵךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת בְּרֵאשִׁית, אִסְרוּ חַג, כ״ד תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תש״פ לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיווּ.

בַּיים צִיוּן פוּן מוֹהֲרָא״שׁ אִין יַבְנְאֵל קֶען מֶען פּוֹעֵל׳ן אַלֶע יְשׁוּעוֹת, אַזוֹי ווִי מוֹהֲרָא״שׁ שְׁרַייבְּט (צַוָואַת מוֹהֲרָא״שׁ, סִימָן ה): ״וּכְמוֹ בַּחַיִים חַיוּתִי נִתְעוֹרְרוּ עַל יְדֵי אֲנָשִׁים בִּתְשׁוּבָה״, אַזוֹי ווִי וֶוען אִיךְ הָאבּ גֶעלֶעבְּט זֶענֶען דוּרךְ מִיר נִתְעוֹרֵר גֶעוָוארְן מֶענְטְשְׁן תְּשׁוּבָה צוּ טוּן, ״כְּמוֹ כֵּן עַכְשָׁיו לְאַחַר הִסְתַּלְקוּתִי לְעֵילָא כְּשֶׁיָבוֹאוּ אֶל קִבְרִי יִתְעוֹרְרוּ בִּתְשׁוּבָה שְׁלֵימָה״, אַזוֹי אוֹיךְ נָאכְדֶעם וָואס אִיךְ וֶועל אַוֶועק גֵיין פוּן דֶער וֶועלְט, וֶוען מֶען וֶועט קוּמֶען צוּ מַיין קֶבֶר וֶועט מֶען אוֹיךְ נִתְעוֹרֵר וֶוערְן צוּ תְּשׁוּבָה טוּן, ״וְיַמְשִׁיכוּ
~~~~~~~~~~

לְעַצְמָם יְשׁוּעוֹת וּפְלָאוֹת בְּעֶזְרָתוֹ יִתְבָּרֵךְ", בַּיי מַיין צִיוּן וֶועט מֶען קֶענֶען פּוֹעֵל'ן וואונְדֶערְלִיכֶע יְשׁוּעוֹת. "וְאֶהְיֶה לָהֶם לְמֵלִיץ יוֹשֶׁר בַּשָּׁמַיִם", וֶוער עֶס וֶועט קוּמֶען צוּ מַיין צִיוּן וֶועל אִיךְ זַיין פַאר אִים אַ מֵלִיץ יוֹשֶׁר אִין הִימְל, "וְלֹא אָנוּחַ וְלֹא אֶשְׁקוֹט עַד שֶׁיִּהְיֶה לְמִי שֶׁבָּא אֶל קִבְרִי לְהִתְפַּלֵּל וְלִלְמוֹד יְשׁוּעָה שְׁלֵימָה מִן הַשָּׁמַיִם", אוּן אִיךְ וֶועל נִישְׁט רוּעֶן בִּיז אִיךְ וֶועל פּוֹעֵל'ן אַ יְשׁוּעָה פַאר דֶעם וָואס אִיז גֶעקוּמֶען צוּ מַיין קֶבֶר דַאוֶוענֶען אוּן לֶערְנֶען.

בִּפְרָט אִין דֶעם עִנְיָן פוּן שִׁידוּכִים הָאט מוֹהֲרָא"שׁ צוּגֶעזָאגְט מִיט אַ שְׁטַארְקֶע הַבְטָחָה בְּזֶה הַלָּשׁוֹן (שָׁם, שָׁם): "אִיךְ זָאג צוּ אַז יֶעדֶער בָּחוּר אָדֶער מֵיידְל וָואס דַארְף אַ שִׁידוּךְ אוּן זֵיי וֶועלְן קוּמֶען דָא אוֹיף מַיין קֶבֶר אוּן דוּרְכְזָאגְן גַאנְץ סֵפֶר תְּהִלִּים פוּן אָנְפַאנְג בִּיזְן סוֹף פַאר מַיין זְכוּת, וֶועל אִיךְ טוּן אַלֶעס וָואס אִיךְ קֶען, אַז זֵיי זָאלְן טְרֶעפְן זֵייעֶר שִׁידוּךְ. אוּן דָאס זָאג אִיךְ צוּ מִיט אַ שְׁטַארְקֶע צוּזָאג".

מֶען זֶעט אָפֶענֶע נִיסִים אוּן יְשׁוּעוֹת יֶעדְן טָאג בַּיים צִיוּן פוּן מוֹהֲרָא"שׁ; בָּחוּרִים אוּן מֵיידְלֶעךְ קוּמֶען צוּ פָארְן אַהִין פוּן דִי גַאנְצֶע וֶועלְט אוֹיסְזָאגְן תְּהִלִּים צוּ טְרֶעפְן זֵייעֶר שִׁידוּךְ.

דֶערִיבֶּער זָאלְסְטוּ וָואס שְׁנֶעלֶער פָארְן קַיין יַבְנְאֵל אוּן דָארְט אוֹיסְזָאגְן תְּהִלִּים לִזְכוּת מוֹהֲרָא"שׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, וֶועסְטוּ בְּקָרוֹב טְרֶעפְן דַיין שִׁידוּךְ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶע דַיינֶע וֶועגְן.

...

~~~~~~~~~~

### וָואס טוּ אִיךְ אַז אִיךְ וִויל אֲפִילוּ נִישְׁט אָפְּלָאזְן מַיינֶע עֲבֵירוֹת?

### שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ בִּין אַ כּוֹלֵל אִינְגֶערְמַאן, אִיךְ הֵייס אַ חָשׁוּבֶער אִינְגֶערְמַאן, אָבֶער דֶער אֱמֶת וָואס אִיךְ בִּין וֵוייסְט נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַלֵיין, אִיךְ זִינְק לֵיידֶער גָאר טִיף אִין בְּלָאטֶע.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט מִיר גֶעהָאלְפְן אַז אִיךְ הָאב בַּאקוּמֶען אַ קַארְטְל פוּן אֵיינֶעם מִיט דִי נוּמֶער פוּן "קוֹל בְּרֶסְלֶב", אִיךְ הָאב אָנְגֶעהוֹיבְּן הֶערְן דִי שִׁיעוּרִים אוּן דְרָשׁוֹת, אוּן דָאס הָאט מִיר אַבִּיסְל אוֹיפְגֶעוֶועקְט פוּן שְׁלָאף, אִיךְ הָאב אָנְגֶעהוֹיבְּן לֶערְנֶען תּוֹרָה יֶעדְן טָאג, אָבֶער פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט בְּרֶענְט נָאךְ אַלְץ אִין מִיר זֵייעֶר שְׁטַארְק דֶער יֵצֶר הָרַע, אִיךְ פַאל אוּן אִיךְ פַאל כְּסֵדֶר, אוּן אִיךְ קֶען זִיךְ נִישְׁט אַרוֹיס זֶען פוּן מַיינֶע עֲבֵירוֹת.

אִיךְ וֵוייס אַז דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה וֶועט מִיר עֶנְטְפֶערְן אַז אֲפִילוּ וֶוען מֶען פַאלְט אַרָאפּ טָאר מֶען זִיךְ נִישְׁט צֶעבְּרֶעכְן, נָאר זִיךְ שְׁטַארְקְן אוּן פְּרוּבִּירְן וַוייטֶער צוּ פַארְרֶעכְטְן, דֶער פְּרָאבְּלֶעם אִיז אָבֶער אַז אִיךְ הַאלְט
~~~~~~~~~~

אֲפִילוּ נִישְׁט בַּיים פַארְרֶעכְטְן, אִיךְ וִויל נָאר קוּקְן אוּן קוּקְן נָאךְ עֲבֵירוֹת, אִיךְ קֶען שְׁטֵיין צוּגֶעגְלֶעבְּט צוּם פֶּענְסְטֶער פַאר שָׁעוֹת צוּ קוּקְן אוֹיף פְרוֹיעֶן, אִיךְ קֶען קוֹיפְן אַ סְמַארְטְפָאוּן צוּ קוּקְן, אוּן נָאכְדֶעם הָאבּ אִיךְ חֲרָטָה אוּן אִיךְ צֶעבְּרֶעךְ עֶס, אוּן דֶערְנָאךְ גֵיי אִיךְ נָאכְאַמָאל קוֹיפְן. לָאךְ מִיר נִישְׁט אוֹיס, אָבֶּער דֶער נַאר שְׁטוּפְּט מִיר מַמָּשׁ צוּ קוּקְן נָאךְ אוּן נָאךְ, אוּן אִיךְ זֶע נִישְׁט קֵיין וֶועג אַרוֹיס.

אִיךְ וִויל פְרֶעגְן אוֹיבּ דִי אַלֶע פְּרָאגְרֶעמְס וָואס הֶעלְפְן פַאר עֶדִיקְשָׁאנְס קֶענֶען מִיר עֶפֶּעס הֶעלְפְן, אִיךְ שְׁטֶעל זִיךְ פָאר אַז דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה וֶועט זָאגְן אַז דָאס אִיז גֶעמַאכְט נָאר פַאר דִי גוֹיִם, אָבֶּער וָואס קֶען הֶעלְפְן פַאר אַ אִידּ? וִוי אַזוֹי זֶע אִיךְ זִיךְ אַרוֹיס פוּן מַיינֶע נַארִישְׁקַייטְן?

אַ גְרוֹיסְן יִישַׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פָּרָשַׁת בְּרֵאשִׁית, כ"ה תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן**

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

וָואס מַאכְסְטוּ זִיךְ אַזוֹי תַּמ'עֶוואטֶע צוּ פְרֶעגְן וָואס דִי עֵצָה אִיז? וֶוען אֵיינֶער הַאלְט אַ מֶעסֶער אִין הַאנְט אוּן שְׁטֶעכְט זִיךְ אֵיין מָאל, צְוֵויי מָאל, דְרֵיי מָאל - וָואס פַאר אַ עֵצָה וָואלְסְטוּ אִים גֶעגֶעבְּן? וָואלְסְט רַחְמָנוּת גֶעהַאט אוֹיף אִים וֶוען עֶר וֵויינְט: "וָואס קֶען אִיךְ טוּן? אִיךְ צוּשְׁנַייד זִיךְ נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל", יֶעדֶער בַּר דַּעַת וָואלְט אִים גֶעזָאגְט: "לֵייג אַרָאפּ דֶעם מֶעסֶער וֶועסְטוּ זִיךְ מֶער נִישְׁט צוּשְׁנַיידְן!" וָואס אִיז אַזוֹי שְׁוֶוער צוּ פַארְשְׁטֵיין וָואס דִי עֵצָה פַאר דִיר אִיז, לֵייג אַרָאפּ דֶעם טֶעלֶעפָאן, וַוארְף עֶס אַוֶועק וֶועט אַלֶעס זַיין גוּט.

ווִיסְן זָאלְסְטוּ אַז דִי עֲבֵירָה פוּן פְּגַם הַבְּרִית - הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָּלָה אִיז זֵייעֶר אַ הַארְבֶּע עֲבֵירָה, עַד כְּדֵי כַּךְ אַז חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (נִדָּה יג:): "כָּל הַמּוֹצִיא שִׁכְבַת זֶרַע לְבַטָּלָה חַיָּיב מִיתָה", דֶער וָואס זִינְדִיגְט אִין פְּגַם הַבְּרִית, עֶר אִיז מוֹצִיא זֶרַע לְבַטָּלָה רַחְמָנָא לִצְלָן - אִיז חַיָּיב מִיתָה. נָאךְ זָאגְן חַזַ"ל (שָׁם): "כְּאִילוּ שׁוֹפֵךְ דָּמִים", וֶוער עֶס זִינְדִיגְט אִין פְּגַם הַבְּרִית, עֶר אִיז מוֹצִיא זֶרַע לְבַטָּלָה, אִיז אַזוֹי וִוי אֵיינֶער אִיז עוֹבֵר אוֹיף רְצִיחָה אוּן שְׁפִיכַת דָּמִים. אַזוֹי אוֹיךְ: "כְּאִילוּ עוֹבֵד עֲבוֹדַת כּוֹכָבִים", עֶס אִיז אַזוֹי וִוי עֶר דִינְט עֲבוֹדָה זָרָה רַחְמָנָא לִצְלָן.

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר טוּ תְּשׁוּבָה, אַז דוּ וֶועסְט תְּשׁוּבָה טוּן וֶועט דִיר גוּט זַיין; וֶוען דוּ זָאלְסְט ווִיסְן וָואס פַאר אַ שְׁלֶעכְטְס דוּ בְּרֶענְגְסְט זִיךְ דוּרְךְ דֶעם, וָואלְסְטוּ זִיכֶער גֶעהַאט כֹּחַ זִיךְ צוּ שְׁטַארְקְן נִישְׁט צוּ טוּן דִי עֶקְלְדִיגֶע זַאכְן. וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז פּוֹגֵם בִּבְרִית וֶוערְט אִים זֵייעֶר בִּיטֶער דָאס לֶעבְּן, דֶער שָׁאדְן וָואס דָאס בְּרֶענְגְט אוֹיפְ'ן מֶענְטְשׁ אִיז גֶעפֶערְלִיךְ, אַזוֹי וִוי דֶער מְחַבֵּר זָאגְט אִין שֻׁלְחָן עָרוּךְ (אוֹרַח חַיִּים, סִימָן ר"מ, סְעִיף יד): וֶוען

מֶען אִיז פּוֹגֵם בִּבְרִית - "זִקְנָה קוֹפֶצֶת עָלָיו, וְכֹחוֹ תָּשֵׁשׁ" - וֶוערְט מֶען אָפְּגֶעשְׁוַואכְט, פַארְעֶלְטֶערְט אוּן מֶען פַארְלִירְט דִי כֹּחוֹת. אַזוֹי אוֹיךְ: "עֵינָיו כֵּהוֹת, וְרֵיחַ רַע נוֹדֵף מִפִּיו", דִי אוֹיגְן וֶוערְט אָפְּגֶעשְׁוַואכְט, מֶען הֵייבְּט אָן זֶען זֵייעֶר שְׁוַואךְ אוּן עֶס הֵייבְּט אָן גֵיין אַ שְׁלֶעכְטֶע גֶערוּךְ פוּן מוֹיל; "וְשַׂעַר רֹאשׁוֹ וְגַבּוֹת עֵינָיו וְרִיסֵי עֵינָיו נוֹשְׁרִים וְכוּ'", דִי הָאר פוּן קָאפּ פַאלְט אַרוֹיס, "וְהַרְבֵּה כְּאֵבִים חוּץ מֵאֵלּוּ בָּאִים עָלָיו", אוּן עֶס בְּרֶענְגְט אַסַאךְ וֵוייטָאג אוֹיפְ'ן מֶענְטְשׁ.

וַוארְף אַוֶועק דַיין טֶעלֶעפָאן וָואס דוּ קוּקְסְט אוֹיף דֶעם עֲבֵירוֹת בַּאהַאלְטֶענֶערְהֵייט. פַארְוָואס זָאלְסְטוּ פַארְלִירְן דַיין לֶעבְּן? מֶען פַארְלִירְט אַלֶעס וֶוען מֶען קוּקְט עֲבֵירוֹת; וֶוען אַ מֶענְטְשׁ זִינְדִיגְט אִין דִי עֶקֶלְדִיגֶע עֲבֵירָה פוּן פְּגַם הַבְּרִית פַארְלִירְט עֶר דֶעם טַעַם פוּן דַאוֶוענֶען, אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן נ): "כִּי כָּל הַפּוֹגֵם בַּבְּרִית, אֵין יָכוֹל לְהִתְפַּלֵּל", וֶוער עֶס אִיז פּוֹגֵם בִּבְרִית, דֶער קֶען נִישְׁט דַאוֶוענֶען.

וָואס הָאסְטוּ פוּן קוּקְן זֶבֶל אוּן זֻהֲמָה נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל? הָאסְט דָאךְ שׁוֹין אַלֶעס גֶעזֶען?! עֶס גֵייט דִיר נָאךְ נִישְׁט אַרוֹיס פוּן דַיין נָאז? וָואס הָאסְטוּ פוּן שְׁטֵיין בַּיים פֶענְסְטֶער אוּן קוּקְן אוֹיף יֶעדֶע פְּרוֹי? וָואס הָאסְטוּ פוּן קוּקְן פִּיקְטְשֶׁערְס אוּן מָאוִויס פוּן עֶקֶלְדִיגֶע אוֹיסְגֶעלַאסֶענֶע פְּרוֹיעֶן?! דָאס מַאכְט דִיר נָאכְדֶעם אַזוֹי דֶעפְּרֶעסְט! דוּ כַאפְּסְט נִישְׁט פוּן וָואס דוּ בִּיסְט אַזוֹי בְּעַצְבוּת, דַיין דֶעפְּרֶעסְיֶע אוּן צֶעבְּרָאכְנְקֵייט קוּמְט פוּן קוּקְן עֲבֵירוֹת וָואס דָאס בְּרֶענְגְט צוּ פְּגַם הַבְּרִית רַחְמָנָא לִצְלָן.

דִי עֲבֵירוֹת מַאכְן דֶעפְּרֶעסְט אוּן צֶעבְּרָאכְן, אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט דָארְט וַוייטֶער אִין דִי תּוֹרָה: "וְזֶה בְּחִינַת חוֹלַאַת שֶׁקּוֹרִין בְּרֶעכֶענִישׁ, רַחֲמָנָא לִצְלָן, שֶׁשּׁוֹבֵר עַצְמוֹת שֶׁל אָדָם", פוּן דִי עֲבֵירָה קוּמְט דִי מַחְלָה וָואס הֵייסְט 'בְּרֶעכֶענִישׁ' - דֶער מֶענְטְשׁ וֶוערְט צֶעבְּרָאכְן אוֹיף שְׁטִיק שְׁטִיקְלֶעךְ אוּן שְׁפִּירְט נִישְׁט קַיין טַעַם אִין זַיין לֶעבְּן.

אִיךְ ווּאוּנְטְשׁ דִיר דוּ זָאלְסְט זוֹכֶה זַיין תְּשׁוּבָה צוּ טוּן.

...

~~~~~~~~~~

## זָאל אִיךְ זִיךְ עֶקְשָׁ'נֶען נִישְׁט צוּ בַּאקוּמֶען טַייעֶרֶע צִירוּנְגֶען?

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

קוֹדֶם מוּז אִיךְ זִיךְ בַּאדַאנְקֶען פַאר אַלֶע שִׁיעוּרִים, חִיזוּק אוּן עֵצוֹת, וָואס הֶעלְפְט מִיר כְּסֵדֶר אִין מַיין לֶעבְּן. אִיךְ הָאבּ בָּרוּךְ ה' זוֹכֶה גֶעוֶוען אַ כַּלָּה צוּ וֶוערְן מִיט אַ הֶערְלִיכֶע שִׁידּוּךְ אַזוֹי וִוי אִיךְ הָאבּ אַלֶץ מִתְפַּלֵּל גֶעוֶוען, אוּן אוֹיךְ אִיז עֶר בָּרוּךְ ה' אַ תַּלְמִיד פוּן דִי הֵיילִיגֶע יְשִׁיבָה, אוּן אִיךְ דַאנְק דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן דֶערְפַאר.

מַיין שְׁאֵלָה אִיז אַז דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א רֶעדְט אַסַאךְ וֶועגְן בִּילִיגֶע מַתָּנוֹת, אוּן בָּרוּךְ ה' אִיךְ דַארְף
~~~~~~~~~~

טַאקֶע נִישְׁט דִי גָאלְדֶענֶע צִירוּנְגֶען, וָואס זָאל אִיךְ אָבֶּער טוּן אַז מַיין מַאמֶע וִויל יָא אִיךְ זָאל הָאבְּן אַזוֹי וִוי אַלֶע כַּלוֹת? אִיז מַיין שְׁאֵלָה צִי אִיךְ זָאל זִיךְ עֲקְשָׁנְ'עֶן אוֹיף בִּילִיג אָדֶער בֶּעסֶער לָאזְן אַזוֹי אוּן בֵּיידֶע מְחוּתָּנִים זָאלְן דַארְפְן בַּאצָאלְן טַייעֶר.

אוֹיךְ הָאבּ אִיךְ גֶעוָואלְט בֶּעטְן דֶער ראֹשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א אוֹיבּ עֶס אִיז מֶעגְלִיךְ אִיךְ זָאל הָאבְּן דִי זְכִיָּה דֶער ראֹשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א זָאל קוּמֶען צוּ מַיין חֲתוּנָה.

נָאכְאַמָאל אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ אוֹיף אַלֶעס.

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ – יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת בְּרֵאשִׁית, כ״ה תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תש״פ לִפְרָט קָטָן**

**לִכְבוֹד הַכַּלָּה ... תִּחְיֶ׳.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

מַזָל טוֹב צוּ דַיין שִׁידוּךְ! דוּ הָאסְט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ בַּאקוּמֶען זֵייעֶר אַ וואוֹילֶער חָתָן, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט אוֹיפְשְׁטֶעלְן מִיט דַיין חָתָן ... נֵרוֹ יָאִיר אַ אִידִישֶׁע שְׁטוּבּ מִיט לִיכְטִיגֶע דוֹרוֹת.

בְּנוֹגֵעַ אוֹיסְגֶעבְּן גֶעלְט פַאר מַתָּנוֹת וְכַדוֹמֶה; דוּ קֶענְסְט זָאגְן שֵׁיינֶערְהֵייט פַאר דַיינֶע עֶלְטֶערְן אַז דוּ וֶועסְט זַיין פְרֵיילִיךְ בִּיז גָאר אֲפִילוּ מִיט פָּשׁוּט׳עֶ מַתָּנוֹת אָן אוֹיסְגֶעבְּן גֶעלְט, אוּן אַז זֵיי ווִילְן נָאךְ אַלְץ קוֹיפְן טַייעֶרֶע זַאכְן ווַייל ״אַזוֹי טוּט יֶעדֶער״, זָאלְסְטוּ זֵיי דַאנְקֶען אוּן שֶׁעצְן, נִישְׁט חַס וְשָׁלוֹם אַוֶועק מַאכְן.

אִיךְ וִויל אוֹיךְ זֵייעֶר שְׁטַארְק קוּמֶען צוּ אַייעֶר חֲתוּנָה; אִיךְ בִּין אָבֶּער נִישְׁט תָּלוּי אִין מִיר אַלֵיינְס, מִמֵּילָא קֶען אִיךְ נִישְׁט זָאגְן יֶעצְט וָואס וֶועט זַיין, דֶער תַּם פְלֶעגְט זָאגְן (סִיפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת מַעֲשֶׂה ט׳, מֶחָכָם וְתָּם): ״בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז אַלֶעס מֶעגְלִיךְ״.

דֶער עִיקָר זָאלְסְטוּ דַאנְקֶען אוּן לוֹיבְּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דִי חֲסָדִים, וֶועט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער טוּן מִיט דִיר נָאךְ חֲסָדִים.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶע דַיינֶע וֶועגְן.

...

~~~~~~~~~~~

**וִוי אַזוֹי קֶענֶען מִיר אַוֶועקְשְׁלֶעפְּן אוּנְזֶער בָּחוּר פוּנֶעם סְמַארְטְפָאוּן?**

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער ראֹשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

מִיר הָאבְּן אַ בָּחוּר וָואס פַאלְט לַיידֶער, עֶר הָאט זִיךְ גֶעשַׁאפְט אַ סְמַארְטְפָאוּן צוּ קוּקְן שְׁלֶעכְטֶע זַאכְן,
~~~~~~~~~~~

און בִּכְלַל אִיז זַיין הִתְנַהֲגוּת זֵייעֶר שְׁוַואךְ. אַ בַּעַל מְחַנֵּךְ הָאט מִיר גֶעגֶעבְּן אַן עֵצָה אִיךְ זָאל פָּארְן מִיט אִים אוֹיף ווייטֶע אִינְטֶערֶעסַאנְטֶע פְּלֶעצֶער און אַזוֹי אִים מְקָרֵב זַיין, עֶר זָאל שְׁפִּירְן אַז מִיר ווִילְן פַארְבְּרֶענְגֶען מִיט אִים. מִיר הָאבְּן טַאקֶע אַזוֹי גֶעטוּן, מִיר זֶענֶען גֶעפָארְן מִיט אִים, און קוֹדֶם הָאט אוּנְז זֵייעֶר גֶעשְׁטֶערְט אַז מִיר פָּארְן דָאךְ ווַייל מִיר ווִילְן אִים מְקָרֵב זַיין און מִיר הָאפְן אַז אַזוֹי ווֶעט עֶר הָאבְּן מֶער שְׁמִירַת עֵינַיִם, און דֶערְוַוייל דַארְף מֶען זִיךְ דְרֵייעֶן אִין לוּפְטְפֶעלְד און גוֹי'אִישֶׁע הָאטֶעלְן און אִין נָאךְ אַזֶעלְכֶע פְּלֶעצֶער וָואס אִיז בִּכְלַל נִישְׁט גֶעאֵייגְנְט פַאר שְׁמִירַת עֵינַיִם. אָבֶער נָאךְ פִיל מֶער הָאט אוּנְז גֶעשְׁטֶערְט אַז זֵייעֶנְדִיג שׁוֹין דָארְט, אִיז עֶר ווַייטֶער אַלֶעמָאל גֶעווֶען פַארְנוּמֶען צוּ קוּקְן אִין זַיין טֶעלֶעפָאן, עֶס הָאט אִים בִּכְלַל נִישְׁט אִינְטֶערֶעסִירְט דִי אַלֶע אִינְטֶערֶעסַאנְטֶע זַאכְן.

וָואס אִיז דִי עֵצָה, ווִי אַזוֹי קֶענֶען מִיר מְקָרֵב זַיין אוּנְזֶער בָּחוּר? ווִי אַזוֹי קֶענֶען מִיר אִים צוּרִיק בְּרֶענְגֶען אוֹיפְ'ן גְלַייכְן ווֶעג?

יְיַשֵׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרֵךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת בְּרֵאשִׁית, כ"ה תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן**

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיווּ.

מִיר דַארְפְן ווֵיינֶען און בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל רַחֲמָנוּת הָאבְּן אוֹיף אוּנְז און אוּנְז רַאטֶעווֶען פוּן דֶעם חוֹשֶׁךְ כָּפוּל וּמְכֻפָּל - דִי שְׁרֶעקְלִיכֶע צָרָה פוּן אִינְטֶערְנֶעט. ווִיפִיל מֶען זָאל נָאר רֶעדְן ווֶעגְן דָאס שֶעדְלִיכְקֵייט פוּן הָאבְּן אַן אָפֶענֶעם קַאמְפְּיוּטֶער, סְמַארְטְפָאוֹן, אֵייפַּאד וְכוּ' - אִיז נִישְׁט גֶענוּג; דָאס הָאט שׁוֹין לֵיידֶער חָרוּב גֶעמַאכְט צֶענְדְלִיגֶער מִשְׁפָּחוֹת.

דָאס אִיז אַ שְׁרֶעקְלִיכֶע צָרָה פַאר אוּנְזֶער דוֹר; ווֶען מֶען הָאט אַן אָפֶענֶעם קַאמְפְּיוּטֶער מִיט אִינְטֶערְנֶעט, אָדֶער אַן אֵייפַּאד, טֶעבְּלֶעט, סְמַארְטְפָאוֹן וְכוּ', קֶען מֶען זֶען אַלֶע שְׁמוּץ אוֹיף דֶער ווֶעלְט; דָאס נֶעמְט אַוֶועק דִי גַאנְצֶע יִרְאַת שָׁמַיִם פוּן אַ מֶענְטְשׁ, דָאס קִילְט אָפּ דִי אֱמוּנָה פוּן אַ אִיד און בְּרֶענְגְט אַרַיין אִין אִים כְּפִירוֹת און אַפִּיקוֹרְסוּת און נָאכְדֶעם ווֶערְט מֶען אִינְגַאנְצְן אוּמְגְלִיקְלִיךְ.

ווֶען מֶען קוּקְט שְׁמוּצִיגֶע מָאווִיס וְכוּ' ווֶערְט מֶען צוּגֶעקְלֶעבְּט צוּ דֶעם בִּיז עֶס אִיז זֵייעֶר שְׁוֶוער זִיךְ אָפְּצוּגֶעוואוֹינֶען דֶערְפוּן; אַזוֹי ווִי דִי וָואס זֶענֶען צוּגֶעבִּינְדְן (עֲדִיקְטֶעד) צוּ דְרָאגְס וְכוּ' אָדֶער צוּ אַלְקָאהָאל וְכוּ' קֶענֶען זִיךְ נִישְׁט אָפְּרַייסְן דֶערְפוּן, אַזוֹי אוֹיךְ דֶער וָואס הָאט אַ קַאמְפְּיוּטֶער מִיט אִינְטֶערְנֶעט, אָדֶער אַן אֵייפַּאד, סְמַארְטְפָאוֹן וְכוּ' און קוּקְט שְׁמוּצִיגֶע מָאווִיס וְכוּ', דֶער ווֶערְט זֵייעֶר צוּגֶעקְלֶעבְּט דֶערְצוּ בִּיז עֶס אִיז שׁוֹין זֵייעֶר שְׁוֶוער אַרוֹיסְצוּקְרִיכְן פוּן דֶעם, דֶער מֹחַ ווֶערְט אִינְגַאנְצְן אוֹיסְגֶעבְּרֶענְט פוּן דִי אַלֶע

עֶקֶלְדִיגֶע שְׁמוּצִיגֶע מָאוִויס, בִּיז מֶען פַאלְט אַרָאפּ אִין בִּיטֶערֶע עֲבֵירוֹת רַחֲמָנָא לִצְּלָן, נָאכְדֶעם הֵייבְּט מֶען אָן צוּ הָאבְּן קַשְׁיוֹת אוֹיף דִי אֱמוּנָה רַחֲמָנָא לִצְּלָן.

יֶעצְט וֶוען אַייעֶר זוּן אִיז צוּגֶעקְלֶעבְּט צוּם טֶעלֶעפָאן, עֶס אִינְטֶערֶעסִירְט אִים שׁוֹין נִישְׁט קַיין שׁוּם זַאךְ הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ, זָאלְט אִיר בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן טָאג אַיין טָאג אוֹיס עֶר זָאל רַחֲמָנוּת הָאבְּן אוֹיף אִים אוּן אוֹיף אַלֶע אִידִישֶׁע קִינְדֶער, עֶס זָאל אַרַיין גֵיין אִין זֵיי אַ רֵיינְקֵייט זֵיי זָאלְן זוֹכֶה זַיין תְּשׁוּבָה צוּ טוּן.

מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן ווִי גְרוֹיס תְּפִילָה אִיז; דֶער רֶבִּי הָאט גֶעהַאט אַ תַּלְמִיד רֶבִּי נַפְתָּלִי זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה, עֶר אִיז גֶעוֶוען פוּן דִי צְוֵויי עֵדוּת וָואס דֶער רֶבִּי הָאט גֶענוּמֶען פַארְ'ן תִּיקּוּן הַכְּלָלִי, וָואס דֶער רֶבִּי הָאט מַבְטִיחַ גֶעוֶוען: "וֶוען אִיךְ וֶועל אַוֶועקְגֵיין פוּן דֶער וֶועלְט אוּן מֶען וֶועט קוּמֶען אוֹיף מַיין צִיּוּן גֶעבְּן אַ פְּרוּטָה לִצְדָקָה לִזְכוּתִי אוּן זָאגְן דֶעם תִּיקּוּן הַכְּלָלִי, אֲפִילוּ דֶער מֶענְטְשׁ זָאל זַיין זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶער בַּעַל עֲבֵירָה, וֶועל אִיךְ אִים מְתַקֵּן זַיין אוּן אִים אַ טוֹבָה טוּן; בַּיי דִי פֵּיאוֹת וֶועל אִיךְ אִים אַרוֹיס צִיעֶן פוּן שְׁאוֹל תַּחְתִּית".

דֶער רֶבִּי נַפְתָּלִי הָאט גֶעהַאט אַ זוּן וָואס אִיז אַרוֹיס לְתַרְבּוּת רָעָה רַחֲמָנָא לִצְּלָן, פְלֶעגְט רֶבִּי נַפְתָּלִי גֵיין יֶעדְן טָאג צוּם צִיּוּן אוּן מִתְפַּלֵּל זַיין אַז דֶער זוּן זָאל שְׁטַארְבְּן, תְּפִילָה הָאט דָאךְ אַ גְרוֹיסְן כֹּחַ אוּן זַיין זוּן אִיז טַאקֶע גֶעשְׁטָארְבְּן. וֶוען רֶבִּי נָתָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה הָאט דָאס גֶעהֶערְט הָאט עֶר גֶעזָאגְט פַאר זַיין חָבֵר רֶבִּי נַפְתָּלִי: "נַפְתָּלִי, אִיךְ פַארְשְׁטֵיי דִיר נִישְׁט, אַז דוּ הָאסְט אַ כֹּחַ פוּן דַאוֶוענֶען, פַארְוָואס הָאסְטוּ גֶעבֶּעטְן עֶר זָאל שְׁטַארְבְּן, וָואלְסְט גֶעדַארְפְט בֶּעטְן עֶר זָאל תְּשׁוּבָה טוּן, וָואלְט עֶר זִיךְ צוּרִיקְגֶעקֶערְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן".

זָאלְסְט יֶעדְן טָאג נַאס מַאכְן דֶעם סֵפֶר תְּהִלִּים מִיט טְרֶערְן, וֵויינֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל צוּרִיק קוּמֶען; דָאס זָאלְסְטוּ טוּן וֶוען עֶר אִיז נִישְׁט אִינְדֶערְהֵיים, אָבֶּער בְּפָנָיו פַאר אִים זָאלְסְטוּ זַיין פְרֵיילִיךְ; זָאלְסְט אִים מְקָרֵב זַיין אוּן רֶעדְן שֵׁיין צוּ אִים, עֶס פֶעלְט נִישְׁט אוֹיס צוּ פָארְן אוֹיף פְלֶעצֶער וְכוּ'. אִין דִי צַייט וֶוען אַלֶע קִינְדֶער שְׁלָאפְן אָדֶער אִינְמִיטְן טָאג וְכַדּוֹמֶה, דֶעמָאלְט זָאלְסְטוּ וֵויינֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֶועסְטוּ זֶען גְרוֹיסֶע שִׁינּוּיִּם לְטוֹבָה בַּיי אִים, בִּיז עֶר וֶועט אִינְגַאנְצְן צוּרִיק קוּמֶען.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶע דַיינֶע וֶועגְן.

...

~~~~~~~~~~
~~~~~~~~~~

## ווי אַזוֹי רֶעדְט מֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן?

### שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר אַלֶע שִׁיעוּרִים, אִיךְ הֶער עֶס כְּסֵדֶר אוֹיס אוּן אִיךְ שֶׁעפּ אַסַאךְ חִיזוּק אוּן חִיוּת דֶערְפוּן.

אִיךְ ווִיל זֵייעֶר שְׁטַארְק זַיין אַ בְּרֶסְלֶב'עֶר חָסִיד, אִיךְ ווִיל זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד בְּאֱמֶת, רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטֶער כְּסֵדֶר. ווָען אִיךְ רֶעד אָבֶּער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטֶער ווֶער אִיךְ מְבוּלְבָּל אוּן פַארְלוֹירְן, אִיךְ שְׁפִּיר נִישְׁט ווִי אִיךְ רֶעד צוּ מַיין חַבֵר, עֶס הַאלְט קוֹים אָן פַאר אֵיין מִינוּט, אוּן רוֹב ווֶערְטֶער זֶענֶען: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אִיךְ ווִיל רֶעדְן צוּ דִיר", אֶפְשֶׁר קֶען אִיךְ הָאבְּן אַ עֵצָה ווִי אַזוֹי זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטֶער כְּדַבֵּר אִישׁ אֶל רֵעֵהוּ, צוּ שְׁפִּירְן אַז אִיךְ רֶעד צוּ מַיין טַאטֶע.

נָאךְ אַ זַאךְ ווָאס בַּאדֶערְט מִיר שׁוֹין פוּן אַלְס קִינְד, אִיךְ הָאבּ גֶעמֵיינְט אַז אִיךְ ווֶעל פָּטוּר ווֶערְן דֶערְפוּן אָבֶּער דֶערְוַוייל אִיז עֶס נָאר מִיט גֶעווָאקְסְן מִיט מִיר, יֶעדֶעס מָאל אִיךְ גֵיי צוּם דָאקְטָאר אָדֶער דֶענְטִיסְט וּבִפְרָט פַאר מֶער עֶרְנְסְטֶע זַאכְן, כַאפְּט מִיר אָן אַזַא פַּחַד אוּן שְׁרֶעק, ווָאס קֶען אִיךְ טוּן זִיךְ צוּ מִתְגַבֵּר זַיין?

אַ יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר אַלֶעס

### תְּשׁוּבָה:

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת נֹחַ, כ"ח תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן**

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיווּ.

דַיינֶע תְּפִילוֹת זֶענֶען אוֹיסְנַאם תְּפִילוֹת; בֶּעט וַוייטֶער דִי הֶערְלִיכֶע ווֶערְטֶער: **"רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, אִיךְ ווִיל רֶעדְן צוּ דִיר"**, זָאג דָאס אִיבֶּער טוֹיזְנְטֶער מָאל בִּיז דוּ ווֶעסְט זוֹכֶה זַיין אָנְצוּהֵייבְּן שְׁפִּירְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

עֶס נֶעמְט אַ שְׁטִיק צַייט ווִי לַאנְג דֶער מֶענְטְשׁ הֵייבְּט אָן שְׁפִּירְן ווִי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶערְט אִים אוֹיס, אַזוֹי ווִי ווֶען עֶר רֶעדְט צוּ אַ חַבֵר. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט (שִׁבְחֵי הָרַ"ן, סִימָן יב): "הָיָה נִדְמֶה לוֹ תָּמִיד שֶׁאֵין מִסְתַּכְּלִין עָלָיו כְּלָל וְאֵין שׁוֹמְעִין לוֹ כְּלָל", ווֶען עֶר פְלֶעגְט רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן הָאט זִיךְ אִים שְׁטֶענְדִיג גֶעדַאכְט אַז קֵיינֶער קוּקְט נִישְׁט אוֹיף אִים אוּן מֶען הֶערְט נִישְׁט אוֹיס אוֹיבְן אִין הִימְל ווָאס עֶר בֶּעט, "רַק אַדְּרַבָּא, נִדְמֶה לוֹ שֶׁמַּרְחִיקִין אוֹתוֹ מֵעֲבוֹדָתוֹ יִתְבָּרַךְ בְּכָל מִינֵי הַרְחָקוֹת וּכְאִלּוּ אֵין רוֹצִין בּוֹ כְּלָל וּכְלָל", פַארְקֶערְט, ווִי מֶער עֶר פְלֶעגְט רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן הָאט זִיךְ אִים אַלְץ מֶער גֶעדַאכְט ווִי מֶען דַארְף אִים נִישְׁט, "כִּי הָיָה רוֹאֶה שֶׁחוֹלְפִין וְעוֹבְרִין כַּמָּה וְכַמָּה יָמִים וְשָׁנִים וַעֲדַיִן הוּא רָחוֹק מֵהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ וְלֹא זָכָה עֲדַיִן לְשׁוּם הִתְקָרְבוּת", וַוייל עֶר הָאט גֶעזֶען אַז עֶס גֵייעֶן אַרִיבֶּער אַסַאךְ יָארְן אוּן עֶר הָאט נָאךְ אַלְץ נִישְׁט זוֹכֶה גֶעווֶען צוּ

װערן נאָנט צום אײבערשטן, "עַל כֵּן נִדְמָה בְּעֵינָיו שֶׁאֵין שׁוֹמְעִין דְּבָרָיו כְּלָל, וְאֵין מִסְתַּכְּלִין עָלָיו כְּלָל, רַק אַדְּרַבָּא, מַרְחִיקִין אוֹתוֹ בְּכָל מִינֵי הִתְרַחֲקוּת מֵעֲבוֹדָתוֹ יִתְבָּרַךְ", דערפאר האָט זיך אים געדאכט אַז קײנער הערט אים נישט אויס, אַדְּרַבָּה עס האָט אים אויסגעזען ווי מען שטופּט אים אַוועק פון די קְדוּשָׁה, "אַךְ אַף עַל פִּי כֵן הָיָה מְחַזֵּק עַצְמוֹ מְאֹד, וְלֹא הִנִּיחַ אֶת מְקוֹמוֹ", מיט דעם אַלעם האָט ער זיך זייער געשטארקט און נישט אויפגעהערט מיט זיין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, "וְכַמָּה פְּעָמִים הָיָה שֶׁהָיָה נוֹפֵל בְּדַעְתּוֹ מֵחֲמַת זֶה שֶׁרָאָה שֶׁהוּא מִתְפַּלֵּל וּמַעְתִּיר וּמַפְצִיר כָּל כָּךְ שֶׁיִּתְקָרֵב לַעֲבוֹדַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ וְאֵין מִסְתַּכְּלִין עָלָיו כְּלָל, וּמֵחֲמַת זֶה נָפַל לִפְעָמִים בְּדַעְתּוֹ וְלֹא הָיָה מְדַבֵּר עוֹד כָּל כָּךְ בֵּינוֹ לְבֵין קוֹנוֹ אֵיזֶה יָמִים", אַסאך מאָל האָט זיך געמאכט ביים רבי'ן אַז ער איז געוואָרן זייער צעבראָכן, זעענדיג אַז ער האָט שוין אַזוי סאך געדאוונט און געבעטן אָבער עס דאכט זיך אים אַז מען דארף אים נישט, און ער האָט אויפגעהערט מאכן הִתְבּוֹדְדוּת, "אַחַר כָּךְ נִזְכַּר בְּעַצְמוֹ וְהִתְבַּיֵּשׁ בְּעַצְמוֹ עַל שֶׁהִרְהֵר אַחַר מִדּוֹתָיו יִתְבָּרַךְ, כִּי בֶּאֱמֶת בְּוַדַּאי הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ חַנּוּן וְרַחוּם וְכוּ', וּבְוַדַּאי הוּא רוֹצֶה לְקָרְבוֹ וְכוּ', וְחָזַר וְנִתְחַזֵּק בְּדַעְתּוֹ וְהִתְחִיל שׁוּב לְהַעְתִּיר וּלְדַבֵּר לִפְנֵי הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ כַּנַּ"ל", ביז ער האָט זיך געכאפּט וואס ער האָט געטון און ער האָט זיך זייער פארשעמט אַז ער האָט נאכגעלאָזט פון די הייליגע עֲבוֹדַת הַשֵּׁם, האָט ער צוריק אָנגעהויבן רעדן צום אײבערשטן, "וְכֵן הָיָה כַּמָּה פְּעָמִים", אַזוי איז געווען אַסאך מאָל, עַיֵּין שָׁם.

זעט מען פון דעם אַז מען דארף זיין זייער שטארק נישט אויפצוהערן בעטן און דאַווענען, אֲפִילוּ ווען עס ווערט פארמאכט די געפילן, מען שפּירט גארנישט און מען זעט גארנישט; אַדְּרַבָּה, מען זעט נאָר פארקערט, מען זעט ווי מען בעט און מען בעט און עס רירט זיך גארנישט, דארף מען זיין אַ גרויסער עקשן נישט אָפּצולאָזן די עֲבוֹדַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ. אָבער ביים סוף ווער עס האַלט אָן די עֵצָה פון הִתְבּוֹדְדוּת איז זוֹכֶה אַז ער באקומט אַ לויטערע מֹחַ, ער הייבט אָן לעבן מיט אֱמוּנָה און אַלע פְּחָדִים גייען אַוועק פון אים, ער האָט נישט מוֹרָא פון קיינעם נישט, נישט פון קיין דאקטער, דענטיסט, מַלְאָכִים און אֲפִילוּ פונעם מַלְאַךְ הַמָּוֶת, נאָר פונעם אײבערשטן אַליינס.

דער אײבערשטער זאָל העלפן זאָלסט האָבן הַצְלָחָה אין אַלע עִנְיָנִים.

...

~~~~~~~~~~
~~~~~~~~~~

## וִוי אַזוֹי גֶעבְּט מֶען זִיךְ אַן עֵצָה מִיט דִי וַוייבּ?

### שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הָאבּ גֶעלֵיינְט אַ בְּרִיוו וָואס אֵיינֶער פְרֶעגְט אֶן דֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א וָואס צוּ טוּן אַז זַיין וַוייבּ שְׁרַייט כְּסֵדֶר אוֹיף דִי קִינְדֶער, אוּן אִיךְ הָאבּ זִיךְ מַמֶשׁ גֶעשְׁפִּירְט אִין דִי שְׁאֵלָה, אָבֶּער דֶער עֶנְטְפֶער הָאט מִיר נֶערְוֶועז גֶעמַאכְט, דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א עֶנְטְפֶערְט יֶענֶעם עֶר זָאל גֶעבְּן פַאר זַיין וַוייבּ דִי קוּנְטְרֵסִים אוֹיף חִינוּךְ הַיְלָדִים, אִיךְ בִּין אָבֶּער אִין אַ מַצָּב אַז אִיךְ קֶען נִישְׁט גֶעבְּן פַאר מַיין וַוייבּ קֵיין בְּרֶסְלֶבּ'עֶ סְפָרִים, זִי וֶועט קֵיינְמָאל נִישְׁט לֵיינֶען עֶפֶּעס וָואס זִי אִיז נִישְׁט אוֹיפְגֶעוָואקְסְן דֶערְמִיט, אוּן נָאכְדֶערְצוּ וֶוען דָאס אִיז אַ זַאךְ וָואס פַארְלַאנְגְט פוּן אִיר עֶפֶּעס צוּ פַארְעֶרְכְטְן.

אִיךְ שְׁפִּיר אַז אִיךְ קֶען נִישְׁט הָאבְּן קֵיין שָׁלוֹם בַּיִת, וַוייל זִי טוּט אַזוֹיפִיל וֵויי מַיינֶע קִינְדֶער אוּן אוֹיךְ מִיר. אִיךְ הֶער אַז מֶען דַארְף זַיין אַ גוּטֶע מַאן צוּ דִי וַוייבּ, אִיךְ שְׁפִּיר אָבֶּער אַז בַּיי מִיר אִיז דָאס נִישְׁט מֶעגְלִיךְ, וַוייל זִי ווִיל נָאר זַיין מַיין בַּעַל הַבַּיִת, זִי ווִיל אַלֶעמָאל ווִיסְן וָואס אִיךְ טוּ אוּן מִיט וֶועמֶען אִיךְ רֶעד, אוּן דָאס אִיז אוֹיסֶער מַיינֶע אֵייגֶענֶע נִסְיוֹנוֹת מִיט וָואס אִיךְ מוּטְשֶׁע זִיךְ שׁוֹין פוּן אַלְס בָּחוּר.

אִיךְ בִּין אַ צֶעקְלַאפְּטֶער אוּן טְרוֹיעֶרִיגֶער, אוּן צוּ אַלֶע צָרוֹת הָאבּ אִיךְ נָאךְ חֲתוּנָה גֶעהַאט מִיט אַ צֶערִיקְטֶע וַוייבּ וָואס גֵייט מִיר אוֹיף דִי נֶערְוְון, אִיךְ שְׁפִּיר אַז דָאס לֶעבְּן אִיז מִיר נִישְׁט וֶוערְד, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קֵיין כֹּחַ אוּן אִינְטֶערֶעסֶע צוּ טְרָאגְן דִי אַחֲרָיוּת פוּן אַ שְׁטוּבּ וִוי לַאנְג אִיךְ לֶעבּ מִיט אַזַא סָארְט וַוייבּ.

אֶפְשֶׁר קֶען דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א מִיר אַרוֹיסְהֶעלְפְן אִין מַיין מַצָּב.

יְיַשֵׁר כֹּחַ

### תְּשׁוּבָה:

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת נֹחַ, כ״ח תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תש״פ לִפְרָט קָטָן**

**לִכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

**מַאךְ זִיךְ אַ שִׁיעוּר אִינֶעם סֵפֶר: ״אוֹצָר שָׁלוֹם בַּיִת״, אוּן אִין דִי אִידִישֶׁע סְפָרִים: ״מְכַבֵּד זַיין דִי וַוייבּ״, ״שָׁלוֹם אִין שְׁטוּבּ״, ״סְ׳אִיז גוּט״; אוֹיךְ זָאלְסְטוּ לֶערְנֶען דֶעם סֵפֶר: ״לָמָּה לְהִתְגָּרֵשׁ״ –** (אִין אִידִישׁ: ״זִיךְ גֶט׳ן אִיז נִישְׁט דִי עֵצָה״)**. דָארְט וֶועסְטוּ זֶען וִוי מוֹהֲרָא״שׁ לֶערְנְט אוּנְז וִוי אַזוֹי מֶען לֶעבְּט מִיט אַ וַוייבּ, דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן הֶעלְפְן דִי וַוייבּ אוּן דָאס ווִיכְטִיגְקֵייט פוּן קוּקְן מִיט אַ גוּט אוֹיג אוֹיף אִיר אוּן רֶעדְן צִי אִיר שֵׁיין.**

**ווִיסְן זָאלְסְטוּ אַז דַיינֶע צָרוֹת זֶענֶען צוּלִיבּ דַיינֶע עֲבֵירוֹת, וַוייל דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ זָאגְט: ״וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז פּוֹגֵם בְּמַחְשָׁבָה - עֶר טְרַאכְט שְׁלֶעכְטֶע זַאכְן, לַיידְט עֶר נָאכְדֶעם צָרוֹת פוּן זַיינֶע אֵייגֶענֶע קִינְדֶער; וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז**

פּוֹגֵם בְּדִבּוּר - עֶר רֶעדְט זַאכְן וָואס מֶען טָאר נִישְׁט, לַיידְט עֶר נָאכְדֶעם צָרוֹת פוּן זַיין וַוייבּ, און וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז פּוֹגֵם בְּמַעֲשֶׂה - עֶר זִינְדִיגְט און טוּט עֲבֵירוֹת, לַיידְט עֶר נָאכְדֶעם פוּן מֶענְטְשְׁן"; אַנְשְׁטָאט דוּ זָאלְסְט וַוארְפְן דֶעם שׁוּלְד אוֹיף אִיר און טְרַאכְטְן אַז זִי אִיז דִי פְּרָאבְּלֶעם זָאלְסְטוּ עֶנְדֶערְשׁ תְּשׁוּבָה טוּן, זִיךְ גוּט אוֹיסְוַויינֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף אַלֶעס וָואס דוּ הָאסְט פּוֹגֵם גֶעוֶוען בְּמַחֲשָׁבָה, דִיבּוּר וּמַעֲשֶׂה, וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ וָואס שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ זָאגְט (מִשְׁלֵי טז, ז): "בִּרְצוֹת ה' דַּרְכֵי אִישׁ, גַּם אוֹיְבָיו יַשְׁלִם אִתּוֹ", וֶוען אַ מֶענְטְשׁ גֵייט מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן וֶועלְן זַיינֶע פַּיינְט וֶוערְן פְרַיינְט; חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בְּרֵאשִׁית רַבָּה נד, א): וֶוער זֶענֶען זַיינֶע פַּיינְט? "רַבִּי יוֹחָנָן אָמַר, זוֹ אִשְׁתּוֹ", דָאס מֵיינְט מֶען דִי וַוייבּ; וַוייל וֶוען אַ מֶענְטְשׁ פִירְט זִיךְ אוֹיף וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין, דֶעמָאלְט וֶוערְט זַיין וַוייבּ זַיין הֶעלְפֶער, זִי וֶועט שָׁלוֹם מַאכְן מִיט אִים און זַיין פַאר אִים אַן עֵזֶר.

קוּק וִוי אַזוֹי דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים הָאבְּן זִיךְ גֶעפִירְט אִין שְׁטוּב מִיט זֵייעֶר וַוייבּ. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי חִיָּיא הָאט גֶעהַאט אַ שְׁוֶוערֶע שְׁטוּב, אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה דֶערְצֵיילְן (יְבָמוֹת סג.): "רֶבִּי חִיָּיא הֲוָה קָא מְצַעֲרָא לֵיהּ דְבֵיתְהוּ", רַב חִיָּיא'ס וַוייבּ פְלֶעגְט אִים זֵייעֶר אַסַאךְ מְצַעֵר זַיין, מִיט דֶעם אַלֶעם: "כִּי הֲוָה מַשְׁכַּח מִידִי, צַיֵּיר לֵיהּ בְּסוּדְרֵיהּ וּמַיְיתֵי נִיהֲלַהּ", וֶוען עֶר פְלֶעגְט זֶען אַ גוּטֶע זַאךְ וָואס זַיין וַוייבּ הָאט לִיבּ, פְלֶעגְט עֶר אִיר דָאס אַהֵיים בְּרֶענְגֶען, הָאט רַב גֶעפְרֶעגְט פוּן רֶבִּי חִיָּיא: "אִיךְ פַארְשְׁטֵיי נִישְׁט, פַארְוָואס בְּרֶענְגְסְטוּ אִיר אֵייבִּיג אַהֵיים גוּטֶע זַאכְן, זִי אִיז דָאךְ דִיר מְצַעֵר?!" הָאט אִים רַב חִיָּיא גֶעעֶנְטְפֶערְט: "דַּיֵּינוּ שֶׁמְּגַדְּלוֹת בָּנֵינוּ, וּמַצִּילוֹת אוֹתָנוּ מִן הַחֵטְא", מִיר אִיז גֶענוּג אַז זִי רַאטֶעוֶועט מִיר פוּן עֲבֵירוֹת און זִי צִיט אוֹיף דִי קִינְדֶער; זֶעט מֶען פוּן דֶעם וִוי שְׁטַארְק מֶען דַארְף אַכְטוּנְג גֶעבְּן צוּ מְכַבֵּד זַיין דִי וַוייבּ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

~~~~~~~~~~~

### וִוי אַזוֹי טְרֶעפְט מֶען אַ שִׁידוּךְ בַּיי דִי פֶערְצִיג יָאר?

### שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

מַיין לֶעבְּן אִיז מִיר מַמָּשׁ אִינְגַאנְצְן צֶערִיסְן און צֶעפְּלִיקְט. אִיר זֶענְט נָאךְ אַזוֹי יוּנְג און אִיר הָאט שׁוֹין זוֹכֶה גֶעוֶוען חֲתוּנָה צוּ מַאכְן אַ זוּן, און אִיךְ בִּין שׁוֹין פֶערְצִיג יָאר אַלְט און אִיךְ הָאבּ נָאכְנִישְׁט חֲתוּנָה גֶעהַאט.

וֶוען אִיךְ בִּין גֶעוֶוען יוּנְג הָאבּ אִיךְ זִיךְ זֵייעֶר גֶעקְלוֹיבְּט שִׁידוּכִים, אִיךְ הָאבּ אָפְּגֶעזָאגְט יֶעדֶע שִׁידוּךְ, קֵיין
~~~~~~~~~~~

אֵיין שִׁידוּךְ אִיז מִיר נִישְׁט גֶעפָּאלְן. מַיינֶע עֶלְטֶערְן הָאבְּן אַזוֹי שְׁטַארְק גֶעוָואלְט אַז אִיךְ זָאל חֲתוּנָה הָאבְּן, אָבֶּער אִיךְ הָאבּ זִיךְ נִישְׁט גֶעקֶענְט אוֹיסְקְלוֹיבְּן אַ גוּטְן שִׁידוּךְ, אוּן יֶעצְט זֶענֶען שׁוֹין מַיינֶע עֶלְטֶערְן נִפְטָר גֶעוָוארְן, אוּן מַיין הַארְץ גִיסְט בְּלוּט אַז אִיךְ הָאבּ זֵיי אַזוֹי שְׁטַארְק מְצַעֵר גֶעוֶוען, אַז אִיךְ הָאבּ נִישְׁט חֲתוּנָה גֶעהַאט וֶוען זֵיי הָאבְּן נָאךְ גֶעלֶעבְּט.

פוּן אִינְדְרוֹיסְן זֶע אִיךְ אוֹיס ווִי אַ גֶעלוּנְגֶענֶער מֶענְטְשׁ, אִיךְ זֶע אוֹיס פִּיל יוּנְגֶער ווִי אִיךְ בִּין בֶּאֱמֶת, אָבֶּער אִינֶעווֵיינִיג אִיז מַיין הַארְץ צֶעשְׁנִיטְן אוּן צֶערִיסְן פוּן יִסּוּרִים, אִיךְ בִּין זֵייעֶר צֶעבְּרָאכְן, אוּן אִיךְ קֶען נִישְׁט אוֹיפְהֶערְן צוּרִיק טְרַאכְטְן פוּן דִי טָעוּתִים וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעמַאכְט אִין לֶעבְּן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט מִיר גֶעהָאלְפְן אַז זַייעֶנְדִיג אִין אוּמַאן הָאט מִיר אַ מֵפִיץ גֶעגֶעבְּן צְווֵיי קוּנְטְרֵסִים פוּן מוֹהֲרָא"שׁ, "יְשׁוּעָתְךָ קְרוֹבָה" אוּן "תַּפְסִיקוּ לִדְאוֹג"", אוּן דִי קוּנְטְרֵסִים זֶענֶען מַמָּשׁ מַיין לֶעבְּן, אָן דֶעם וָואלְט אִיךְ שׁוֹין זִיכֶער גֶעכַאפְּט אַ הַארְץ אַטַאקֶע. עֶס אִיז מִיר אִינְטֶערֶעסַאנְט אַז דַוְקָא דִי קוּנְטְרֵסִים וָואס אִיךְ הָאבּ אַזוֹיפִיל חוֹזֵק גֶעמַאכְט אוּן גֶערֶעדְט קֶעגְן דֶעם, דַוְקָא דָאס זֶענֶען מִיר יֶעצְט אַזוֹי שְׁטַארְק מְחַזֵּק אִין לֶעבְּן, אִיךְ דַארְף זִיכֶער גֵיין צוּ מוֹהֲרָא"שְׁ'ס צִיּוּן אִים אִיבֶּערְצוּבֶּעטְן.

אִיךְ בֶּעט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א זָאל מִיר זָאגְן ווֶעלְכֶע נָאךְ קוּנְטְרֵסִים פוּן מוֹהֲרָא"שׁ קֶענֶען מִיר מְחַזֵּק זַיין, אִיךְ דַארְף הָאבְּן חִיזּוּק אָנְצוּגֵיין אוּן מַצְלִיחַ צוּ זַיין אִין לֶעבְּן.

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת נֹחַ, כ"ח תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן**

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

מוֹהֲרָא"שׁ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה הָאט אַזוֹיפִיל גֶעשְׁרִיבְּן פַאר בָּחוּרִים אוּן מֵיידְלֶעךְ אַז זֵיי זָאלְן זִיךְ אַכְטוּנְג גֶעבְּן פוּן דֶעם פֵיינְט וָואס רוּפְט זִיךְ: "צַייט", אַזוֹי ווִי עֶס גֵייט דֶער מַאֲמַר הַחָכָם: "הִזָּהֵר מִן הַזְּמַן כִּי הוּא אוֹיֵב רָע מְאֹד", מֶען זָאל אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף דִי צַייט אִיר צִי הִיטְן ווַייל עֶס גֵייט אַרִיבֶּער זֵייעֶר שְׁנֶעל, אוּן אַז מֶען ווִיל נִישְׁט אַוֶועק לֵייגְן דִי גַאֲוָה, נָאר מֶען קְלוֹיבְּט זִיךְ אוּן מֶען קְלוֹיבְּט זִיךְ, - בִּיז מֶען כַאפְּט זִיךְ אִיז מֶען שׁוֹין פַארְעֶלְטֶערְט וְכוּ'.

וֶוען עֶס קוּמְט צוּ טוּן אַ שִׁידוּךְ דַארְף מֶען גֶעדֶענְקֶען וָואס חֲכָמֵינוּ הַקְּדוֹשִׁים זָאגְן (יְבָמוֹת סג.): "נְחוֹת דַּרְגָּא וְנַסִּיב אִיתְּתָא", גֵיי אַרָאפּ אַ מַדְרֵיגָה וֶועסְטוּ טְרֶעפְן דַיין שִׁידוּךְ; בְּדֶרֶךְ כְּלָל אִיז אַ מֶענְטְשׁ אַ בַּעַל גַאֲוָה וְכוּ', עֶס פַּאסְט אִים נִישְׁט צוּ נֶעמֶען שִׁידוּכִים וָואס מֶען טְרָאגְט אִים אָן אוּן עֶר מַאכְט אַלֶעס אַוֶועק זָאגְנְדִיג: 'אִיךְ דֶער גְרוֹיסֶער חָכָם וֶועל נֶעמֶען דָאס?!' 'אִיךְ דֶער שֵׁיינֶער מֶענְטְשׁ, דֶער קְלוּגֶער מֶענְטְשׁ וֶועל חֲתוּנָה הָאבְּן מִיט אַזַאנְס?!' אַזוֹי דְרֵייט מֶען זִיךְ אַרוּם וְכוּ' זוּכְנְדִיג אַ שִׁידוּךְ וָואס אִיז נָאךְ נִישְׁט גֶעבּוֹירְן

גֶעוָוארְן; מֶען זוּכְט אוּן מֶען זוּכְט, מֶען גֵייט אַרוֹיס זִיךְ טְרֶעפְן וְכוּ׳ אַלְץ מִיט דִי כַּוָונָה אַז אֶפְשָׁר וֶועט מֶען טְרֶעפְן אַ כַּלָּה וָואס וֶועט קוּמֶען צוּ רַייטְן אוֹיף אַ וַוייסֶע פֶערְד מִיט אָנְגֶעפִילְטֶע זֶעק מִיט גֶעלְט וְכוּ׳, מֶען וַוארְט עֶס זָאל גֶעבּוֹירְן וֶוערְן אַזַא פַּארְשׁוֹין אוּן מֶען כַאפְּט נִישְׁט אַז בִּיז דֶערְוַוייל גֵייט אַרִיבֶּער אַסַאךְ צַייט, אוּן פְּלוּצְלִינְג דֶערְזֶעט מֶען זִיךְ פַּארְעֶלְטֶערְט...

אַז מֶען טְרָאגְט דִיר אָן אַ שִׁידוּךְ זָאלְסְטוּ גְלַייךְ נֶעמֶען דֶעם שִׁידוּךְ אוּן אוֹיפְשְׁטֶעלְן דוֹרוֹת, מְקַיֵּים זַיין דֶעם ווילְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וָואס הָאט אוּנְז גֶעהֵייסְן חֲתוּנָה הָאבְּן אוּן בְּרֶענְגֶען קִינְדֶער. אַז מֶען הָאט נִישְׁט חֲתוּנָה אִיז דָאס זֵייעֶר אַ שְׁרֶעקְלִיכֶע זַאךְ, דֶער מְחַבֵּר הֵייבְּט אָן דִי עֶרְשְׁטֶע סְעִיף אִין חֵלֶק אֶבֶן הָעֶזֶר פוּן שֻׁלְחָן עָרוּךְ מִיט דִי הֲלָכָה: ״חַיָּיב כָּל אָדָם לִישָּׂא אִשָּׁה כְּדֵי לִפְרוֹת וְלִרְבּוֹת״, יֶעדֶער אִיד אִיז מְחוּיָּב חֲתוּנָה צוּ הָאבְּן מִיט אַ פְרוֹי כְּדֵי צוּ הָאבְּן קִינְדֶער, ״וְכָל מִי שֶׁאֵינוֹ עוֹסֵק בִּפְרִיָּה וּרְבִיָּה כְּאִלּוּ שׁוֹפֵךְ דָּמִים וּמְמַעֵט אֶת הַדְּמוּת״, אוּן וֶוער עֶס הָאט נִישְׁט חֲתוּנָה, עֶר אִיז נִישְׁט מְקַיֵּים דִי מִצְוָה פוּן פְּרִיָּה וְרִבְיָּה אִיז אַזוֹי וִוי עֶר וָואלְט וֶוען גֶע׳הַרְגַ׳ט מֶענְטְשְׁן אוּן פַארְגָאסְן זֵייעֶר בְּלוּט, ״וְגוֹרֵם לַשְּׁכִינָה שֶׁתִּסְתַּלֵּק מִיִּשְׂרָאֵל״, אוּן עֶר בְּרֶענְגְט אַז דִי שְׁכִינָה זָאל נִישְׁט זַיין מִיט דִי אִידְן; חוּץ פוּן דֶעם וָואס עֶס פֶעלְט אִים דִי אַלֶע גוּטֶע זַאכְן וָואס מֶען אִיז זוֹכֶה וֶוען מֶען הָאט חֲתוּנָה, אַזוֹי וִוי דֶער רְמָ״א זָאגְט דָארְט: ״וְכָל מִי שֶׁאֵין לוֹ אִשָּׁה שָׁרוּי בְּלֹא בְּרָכָה בְּלֹא תּוֹרָה כוּ׳, וְלֹא נִקְרָא אָדָם, וְכֵיוָן שֶׁנָּשָׂא אִשָּׁה עֲוֹנוֹתָיו מְפַקְפְּקִים שֶׁנֶּאֱמַר (מִשְׁלֵי יח, כב) מָצָא אִשָּׁה מָצָא טוֹב וַיָּפֶק רָצוֹן מֵאֵת ה׳״.

אַז דוּ הָאסְט מְבַזֶּה גֶעוֶוען אַ צַדִּיק וָואס הָאט זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ גֶעוֶוען זַיין גַאנְץ לֶעבְּן פַּארְ׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן פַאר אִידִישֶׁע קִינְדֶער, דוּ הָאסְט חוֹזֵק גֶעמַאכְט אוּן גֶערֶעדְט אַנְטְקֶעגְן אִים, דַארְפְסְטוּ תְּשׁוּבָה טוּן תְּשׁוּבַת הַמִּשְׁקָל, נֶעמֶען דִי קוּנְטְרֵסִים אוּן סְפָרִים אוּן דָאס פַארְשְׁפְּרֵייטְן פַאר אַנְדֶערֶע.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

~~~~~~~~~~~
~~~~~~~~~~~

# אִישׁ אֱמוּנוֹת

**מְסַיֵּם גֶעוֶועןְ מַסֶּכֶת נְדָרִים.**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת נִצָּבִים, כ״ה אֱלוּל, שְׁנַת תשע״ט לִפְרָט קָטָן**

**לְכָבוֹד מַיין טַייעֶרְעֶר לִיבֶּער תַּלְמִיד ... נֵרוֹ יָאִיר, תַּלְמִיד יְשִׁיבַת תִּפְאֶרֶת הַתּוֹרָה.**

אִיךְ זִיץ יֶעצְט אוֹיפְן פְלִיגֶער פָארְנְדִיג קַיין אוּמַאן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ׳ס רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אִיךְ פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר צוּ הֶערְן פוּן דִיר אַז דוּ הָאסְט מְסַיֵּים גֶעוֶועןְ ״מַסֶּכֶת נְדָרִים״, דוּ לֶערְנְסְט שַׁ״ס כְּסִדְרָן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן דוּ זָאלְסְט טְרֶעפְן בְּקָרוֹב דַיין שִׁידוּךְ אוּן אוֹיפְשְׁטֶעלְן שֵׁיינֶע דוֹרוֹת.

...., אִיךְ הָאבּ דִיר זֵייעֶר לִיבּ, דוּ בִּיסְט מִיר אַיינְגֶעקְרִיצְט אִין מַיין הַארְץ.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה.

בֶּעט פַאר מִיר, יוֹאֵל בֵּן רֵיצָא רֶעכְל.

...

~~~~~~~~~~~~

**מְחַזֵּק זַיין אִידִישֶׁע פְרוֹיעֶן.**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת נִצָּבִים פֹּה עִיר הַקוֹדֶשׁ אוּמַאן יצ״ו, כ״ז אֱלוּל, שְׁנַת תשע״ט לפ״ק

מָרַת ... תִּחְיֶ׳.

אִיךְ שְׁרַייבּ אַייךְ דֶעם בְּרִיוו אִין אוּמַאן נֶעבְּן דֶעם רֶבִּינְ׳ס צִיּוּן.

אִיךְ ווִיל אַייךְ בֶּעטְן לְכָבוֹד דֶעם נַייעֶם יָאר - ה׳תש״פ - וֶוען יֶעדֶער אִיד נֶעמְט זִיךְ פַאר פְרִישֶׁע קַבָּלוֹת טוֹבוֹת, זָאלְט אִיר זִיךְ פָארְנֶעמֶען עוֹסֵק זַיין אִין מְחַזֵּק זַיין דִי פְרוֹיעֶן
~~~~~~~~~~~~

פון אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ. עֶס זֶענֶען דָא פְּרוֹיעֶן וָואס גֵייעֶן אַרִיבֶּער שְׁוֶוערֶע בִּיטֶערֶע צַייטְן וְכוּ׳ און זֵיי הָאבְּן נִישְׁט וֶוער עֶס זָאל זֵיי מְחַזֵּק זַיין, בִּפְרַט דִי וָואס גֵייעֶן אַרִיבֶּער אִין שְׁטוּב וְכוּ׳, וְכוּ׳, וֶוען דֶער מַאן אִיז שׂוֹלֵט און לֵייגְט אַ פַּחַד וְכוּ׳, זֵיי הָאבְּן מוֹרָא אַז אוֹיבּ זֵיי וֶועלְן רֶעדְן אָדֶער שְׁרַייבְּן צוּם רֹאשׁ יְשִׁיבָה וֶועט דֶער מַאן וֶוערְן גָאר בִּיז וְכוּ׳. בַּיי דִי פֶּעלֶער דַארְף מֶען זֵיי מְחַזֵּק זַיין דוּרְךְ אַ כְּלִי שֵׁנִי, זָאלְט אִיר זֵיי מְחַזֵּק זַיין; בִּפְרַט מָרַת ... תִּחְיֶ׳, וִוי אִיר דֶערְצֵיילְט מִיר וִוי זִי וֵויינְט צוּ אַייךְ וְכוּ׳, זִי הָאט אַזַא פַּחַד פוּנֶעם מַאן וְכוּ׳, וְכוּ׳; זָאלְט אִיר רֶעדְן מִיט אִיר און אִיר מְחַזֵּק זַיין.

דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעהֵייסְן און גֶעבֶּעטְן מִיר זָאלְן עוֹסֵק זַיין אִין אָנְטְרִינְקֶען בֵּיימֶער (סִיפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת, מַעֲשֶׂה ג, מְחִגֵּר): "מַעֲשֶׂה, אַמָאל אִיז גֶעוֶוען אַ חָכָם, פַּאר זַיין טוֹיט הָאט עֶר גֶערוּפְן זַיינֶע קִינְדֶער און זַיין מִשְׁפָּחָה און הָאט זֵיי גֶעלָאזְט צַוָואָה אַז זֵיי זָאלְן 'אָנְטְרִינְקֶען בֵּיימֶער'. אִיר מֶעגְט עוֹסֵק זַיין אִין אַנְדֶערֶע פַּרְנָסוֹת אוֹיךְ, נָאר דָאס זָאלְט אִיר זֶען שְׁטֶענְדִיג צוּ טוּן: 'אָנְטְרִינְקֶען בֵּיימֶער'"; מְחַזֵּק זַיין אִידִישֶׁע קִינְדֶער, בִּפְרַט פְּרוֹיעֶן - זֵיי דַארְפְן מֶער חִיזּוּק.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט זוֹכֶה זַיין צוּ נַחַת פוּן אַייעֶרֶע קִינְדֶער; ... נֵרוֹ יָאִיר זָאל אוֹיסְוַואקְסְן עֶרְלִיךְ, אַלֶע זַיינֶע וְכוּ׳ זָאלְן אַוֶועק גֵיין, עֶר זָאל זַיין גֶעזוּנְט בְּגוּף וּבְנֶפֶשׁ, און ... זָאל זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה און אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

~~~~~~~~~~~

**וַואקְסִינֶען פַאר דִי קִינְדֶער.**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת נִצָּבִים פֹּה עִיר הַקוֹדֶשׁ אוּמַאן יצ"ו, כ"ז אֱלוּל, שְׁנַת תשע"ט לפ"ק

מָרַת ... תִּחְיֶ׳.

אַייעֶר מַאן נֵרוֹ יָאִיר זָאגְט מִיר אַז אִיר וַוארְט זֵייעֶר אִיךְ זָאל אַייךְ צוּרִיק שְׁרַייבְּן אוֹיף אַייעֶר לַאנְגֶע בְּרִיוו וואו אִיר שְׁמוּעֶסְט אוֹיס אַייעֶר פְּרַאגֶע.

אִיךְ הָאבּ גֶעזָאגְט פַאר אַייעֶר מַאן אַז אִיר הָאט נִישְׁט גֶעשִׁיקְט אַ פְּרַאגֶע, נָאר אִיר הָאט גֶעשְׁרִיבְּן אַ לַאנְגֶע תְּשׁוּבָה וואו אִיר ווילְט מִיר מַסְבִּיר זַיין וִוי שֶׁעדְלִיךְ עֶס אִיז דָאס גֶעבְּן וַואקְסִינֶען פַאר קִינְדֶער; מְמֵילָא אִיז נִישְׁט שַׁיָיךְ צוּרִיק צוּ שְׁרַייבְּן, אִיךְ עֶנְטְפֶער פַאר דִי וָואס פְרֶעגְן און ווילְן וויסְן וָואס אִיךְ הָאבּ מְקַבֵּל גֶעוֶוען פוּן מוֹהֲרַא"שׁ.

אִיךְ בִּין נִישְׁט בְּרוֹגֶז אַז אִיר וֶועט טוּן וִוי אַזוֹי אִיר פַארְשְׁטֵייט און נִישְׁט גֶעבְּן
~~~~~~~~~~~

וואקְסִינֶען פַאר דִי קִינְדֶער, אִיךְ בִּין נִישְׁט בְּרוֹגֶז אוֹיף דִי וָואס פִירְן זִיךְ אַנְדֶערְשׁ ווִי מִיר וְכוּ׳, אִיךְ וֶועל וַוייטֶער טוּן לוֹיט ווִי אִיךְ הָאבּ מְקַבֵּל גֶעוֶוען.

בְּנוֹגֵעַ וָואס אַייעֶר מַאן דֶערְצֵיילְט מִיר פוּן דֶעם פַארְבְּרֶעכֶער וָואס פַארְרוּפְט זִיךְ אַ שָׁלוֹם בַּיִת מַאכֶער. עֶר לֵיינְט כְּתוּבּוֹת, עֶר זֶעט זַאכְן וְכוּ׳; עֶר הָאט צֶעבְּרָאכְן אַייעֶר מִשְׁפָּחָה, אַפָּאר פוּן אַייעֶר גֶעשְׁוִויסְטֶער הָאט עֶר צֶעבְּרָאכְן זֵייעֶר שְׁטוּבּ, אוּן אִיר ווִילְט ווִיסְן צִי אִיר זָאלְט מַאכְן פַּאשְׁקֶעווִילְן אַנְטְקֶעגְן אִים וְכוּ׳; אִיר זָאלְט דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז אִיר זֶענְט נִישְׁט אָנְגֶעקוּמֶען צוּ אִים וְכַדוֹמֶה אוּן אִיר זָאלְט בְּעִיקָר אִינְוֶועסְטִירְן אִין אַייעֶרֶע קִינְדֶער.

אוֹיךְ זָאלְט אִיר מְחַזֵק זַיין אַייעֶרֶע שְׁוֶועסְטֶערְס. רֶעדְטְס צוּ זֵיי דִיבּוּרֵי אֱמוּנָה, דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א׳, סִימָן כט): "כִּי טוֹב הַכֹּל חֲפֵצִים", יֶעדֶער אֵיינֶער הָאט לִיבּ צוּ הֶערְן גוּטֶע וֶוערְטֶער; מִיט דֶעם וֶועט אִיר זֵיי הֶעלְפְן. אוּנְזֶער וֶועג אִיז נִישְׁט צוּ רוֹדְפְ׳ן יֶענֶעם, אוּנְזֶער וֶועג אִיז אָנְצִינְדְן אַסַאךְ לִיכְט בִּיז דִי טוּנְקֶלְקֵייט גֵייט אִינְגַאנְצְן אַוֶועק.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה.

...

~~~~~~~~~~

### אַן אוּמְשׁוּלְדִיגֶער חָתָן וָואס דִי כַּלָה דַארְף אִים נִישְׁט.

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת הַאֲזִינוּ, י"ב תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

... תִּחְיֶ׳.

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

גְלֵייבּ מִיר, אִיךְ בִּין אוֹיךְ זֵייעֶר דֶערְשְׁרָאקְן פוּן דִי פַּרְשָׁה אוּן אִיךְ הָאבּ גְרוֹיס רַחְמָנוּת אוֹיף אִיר, בִּפְרַט אוֹיף דֶעם חָתָן; אַן אוּמְשׁוּלְדִיגֶער חָתָן גְרֵייט זִיךְ חֲתוּנָה צוּ הָאבְּן אוּן עֶר וֵוייסְט נִישְׁט וָואס וַוארְט אִים אִין לֶעבְּן, עֶר חָלוֹמְ׳ט נִישְׁט אַז זַיין כַּלָה דַארְף אִים נִישְׁט אוּן וִויל אִים נִישְׁט.

דוּ זָאלְסְט זִיךְ נִישְׁט מְבַלְבֵּל זַיין פוּן קֵיינֶעם נִישְׁט; דָאס מֶערְסְטֶע וָואס דוּ קֶענְסְט טוּן אִיז "תְּפִילָה", דֶערְצֵיילְן פַאר׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְן דֶעם סִיפּוּר הַדְּבָרִים אוּן אִים בֶּעטְן עֶס זָאל נִישְׁט אַרוֹיסְקוּמֶען קֵיין וֵוייטָאג פַאר קֵיינֶעם, עֶס זָאל זִיךְ עֶנְדִיגְן גוּט.

בְּעִיקָר זָאלְסְטוּ בֶּעטְן פַאר דִיר אַלֵיינְס, אַזוֹי ווִי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק ב׳, סִימָן סז): "וְהָעִקָּר לְהִסְתַּכֵּל עַל עַצְמוֹ", אַ מֶענְטְשׁ דַארְף אַסַאךְ בֶּעטְן פָאר זִיךְ, פַאר זַיינֶע דוֹרוֹת הַבָּאִים אוּן בִּכְלָלִיוּת פַאר אִידִישֶׁע קִינְדֶער.
~~~~~~~~~~

נאָך אַבִּיסְל וָועסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ אַ גוּטֶע שִׁידוּךְ; אִיךְ הָאף צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז אִיךְ וֶועל זַיין דַיין שַׁדְכָן.

...

~~~~~~~~~~

**אִיר זֶענְט צוּרִיק גֶעגַאנְגֶען צוּ אַייעֶר מַאן.**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת הַאֲזִינוּ, י״ב תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תש״פ לִפְרָט קָטָן

**מָרַת ... תִּחְיֶ׳.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

אִיךְ פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר צוּ הֶערְן אַז אִיר זֶענְט צוּרִיק גֶעגַאנְגֶען צוּ אַייעֶר מַאן, אִיר הָאט פַּארְקוּקְט אוֹיף אַלֶעס אַבִּי אַז אַייעֶרֶע קִינְדֶער זָאלְן הָאבְּן אַ גֶעזוּנְטֶע שְׁטוּבּ, זֵיי זָאלְן אוֹיפְוַואקְסְן מִיט אַ טַאטֶע מַאמֶע.

אוֹיף אַייעֶר פְּרַאגֶע אַז עֶר שְׁלֶעפְּט אַייךְ אוֹיף יוֹם טוֹב וְכוּ׳; טְרַאכְט צוּ זִיךְ אַז אִיר הַאלְט שׁוֹין נָאךְ אַייעֶר פְּטִירָה, אִיר זֶענְט אַ נִפְטֶרֶת אוּן דִי מַלְאֲכֵי חַבָּלָה טְרָאגְן אַייךְ צוּ דֶעם פְּלַאץ וְכוּ׳, וָואס וָואלְט אִיר דֶעמָאלְט גֶעטוּן?

גֶעבְּט זִיךְ אִיבֶּער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן; זָאגְטְס פַּארְ׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְן דִי וֶוערְטֶער: ״אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיךְ גֶעבּ זִיךְ אִיבֶּער צוּ דִיר; אִיךְ וִויל גָארְנִישְׁט, אִיךְ וִויל נָאר וָואס דוּ ווִילְסְט, אִיךְ בִּין צוּרִיק גֶעגַאנְגֶען צוּ מַיין מַאן נָאר וֶועגְן דִיר, כְּדַאי אַז מַיינֶע קִינְדֶער זָאלְן אוֹיסְוַואקְסְן גֶעזוּנְט, זֵיי זָאלְן הָאבְּן אַ טַאטֶע אוּן אַ מַאמֶע; הֶעלְף מִיר אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיךְ זָאל זַיין פְרֵיילִיךְ, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל גָארְנִישְׁט וֶועלְן, אִיךְ זָאל זַיין צוּפְרִידְן פוּן מַיין לֶעבְּן״.

שְׁרַייבְּטְס מִיר נָאךְ וֶועל אִיךְ אַייךְ מְחַזֵק זַיין; אִיךְ וֶועל אַייךְ שְׁטֶענְדִיג מְחַזֵק זַיין, אִיךְ וֶועל אַייךְ נִישְׁט לָאזְן פַּאלְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

~~~~~~~~~~

### שְׁטַארְקְט זִיךְ מִיט דִי עֵצוֹת פוּן רֶבִּי'ן.

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרֵךְ - עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת הַאֲזִינוּ, י"ב תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

**מָרַת ... תִּחְיֶ'.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

אִיךְ פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר צוּ הֶערְן אַז אִיר שְׁטַארְקְט זִיךְ מִיט דִי עֵצוֹת פוּן רֶבִּי'ן, מִיט דִי עֵצָה פוּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן; וֶוער עֶס נֶעמְט דִי עֵצָה פוּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן וֶוערְט אוֹיסְגֶעהֵיילְט פוּן אַלֶע פְּחָדִים אוּן שְׁלֶעכְטֶע מַחֲשָׁבוֹת.

אַ גְרִיס פוּן אַייעֶרֶע לִיכְטִיגֶע קִינְדֶער; סַיי אַייעֶר זוּן אוּן סַיי אַייעֶר טָאכְטֶער, בֵּיידֶע פוּן זֵיי זֶענֶען אוֹיסְנַאם קִינְדֶער קַיין עַיִן הָרָע, זֵיי זֶענֶען זֵייעֶר דֶרֶךְ אֶרֶץ'דִיג אוּן פָאלְגֶעדִיג.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אַייךְ גֶעבְּן כֹּחַ צוּ קֶענֶען מְחַנֵךְ זַיין דִי קִינְדֶער גֶעזוּנְטֶערְהֵייט צוּזַאמֶען מִיט אַייעֶר טַייעֶרֶער מַאן.

...

~~~~~~~~~~~

### נִישְׁט צוּם גְלוֹיבְּן וָואס דוּ לַיידְסְט אִין שְׁטוּבּ

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרֵךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת בְּרָכָה, עֶרֶב חַג הַסֻּכּוֹת, י"ד תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

**... תִּחְיֶ'.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אִיךְ הָאבּ דִיר שׁוֹין גֶעשְׁרִיבְּן פָארִיגֶע וָואךְ אַז עֶס גֵייט מִיר נִישְׁט אַרוֹיס פוּן קָאפּ וָואס דוּ הָאסְט מִיר דֶערְצֵיילְט וָואס דוּ לַיידְסְט אִין שְׁטוּבּ, וּבְעִקָּר אַז קֵיינֶער וֵוייסְט נִישְׁט וָואס דוּ לַיידְסְט, וַוייל וֶוען אֵיינֶער לַיידְט פוּן מֶענְטְשְׁן, מֶען טְשֶׁעפֶּעט אִים אוּן מֶען רוֹדְפְ'ט אִים, אוֹיבּ וֵוייסְן מֶענְטְשְׁן וָואס עֶר לַיידְט אִיז דָאס גְרִינְגֶער פַאר'ן מֶענְטְשׁ, וַוייל מֶען קֶען אִים מְחַזֵק זַיין וְכוּ', אָבֶּער וֶוען אַ קִינְד גֵייט אַרִיבֶּער יְסוּרִים אִין שְׁטוּבּ אוּן קֵיינֶער וֵוייסְט נִישְׁט וָואס עֶר לַיידְט אוּן קֵיינֶער גְלֵייבְּט אִים נִישְׁט, מֶען זָאגְט אִים: "נֶע, דוּ טְרַייבְּסְט אִיבֶּער, עֶס קֶען נִישְׁט זַיין", "דוּ בִּיסְט שׁוּלְדִיג", וְכַדוֹמֶה, דֶעמָאלְט אִיז כִּמְעַט אוּמְמֶעגְלִיךְ דוּרְךְ צוּ טְרָאגְן דִי יְסוּרִים.

דֶערִיבֶּער בִּיסְטוּ אַ חִידוּשׁ ווִי אַזוֹי דוּ גֵייסְט אָן אִין לֶעבְּן מִיט אַזוֹיפִיל יְסוּרִים וֶוען קֵיינֶער קֶען נִישְׁט חָלוֹמְ'ן וָואס מֶען טוּט מִיט דִיר; דַיינֶע נָאנְטֶע, דַיינֶע חַבֵר'טֶעס וֵוייסְן
~~~~~~~~~~~

גָארְנִישְׁט וָואס דוּ לַיידְסְט נֶעבֶּעךְ צַאם.

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר, וַוארְט נָאךְ אַבִּיסְל; דוּ בִּיסְט שׁוֹין אִין דִי יָארְן פוּן וֶוערְן אַ כַּלָּה, נָאךְ אַבִּיסְל וֶועסְטוּ הָאבְּן דַיין אֵייגֶענֶע לֶעבְּן מִיט מַזָל אוּן הַצְלָחָה.

גֶעבּ זִיךְ אִיבֶּער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן; אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט פוּן אַ בְּרֶסְלֶב'עֶר חָסִיד וָואס הָאט אַ שְׁוֶוערֶע לֶעבְּן, אַז יֶעדֶעס מָאל וֶוען עֶר קֶען מֶער נִישְׁט נֶעמֶען דִי יְסוּרִים טְרַאכְט עֶר צוּ זִיךְ: 'אִיךְ בִּין אַ נִפְטָר אוּן דִי מַלְאֲכֵי חַבָּלָה זֶענֶען מִיר מְטַהֵר וּמְנַקֶּה פוּן מַיינֶע עֲבֵירוֹת'; דֶעמָאלְט וֶוערְט אִים גְרִינְגֶער.

אַ גוּט יוֹם טוֹב.

...

~~~~~~~~~~

**גֵיי נִישְׁט לֵיידִיג, וֶועסְטוּ הָאבְּן שָׁלוֹם בַּיִת.**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א', הוֹשַׁעְנָא רַבָּה, כ"א תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

חוֹל הַמוֹעֵד טָאר מֶען נִישְׁט שְׁרַייבְּן נָאר וֶוען עֶס אִיז אַ דָבָר הָאָבֵד, אִיךְ שְׁפִּיר וִוי דָאס אִיז אַ דָבָר הָאָבֵד, אַז דַיין שָׁלוֹם בַּיִת זָאל דִיר נִישְׁט גֵיין צוּגְרִינְד.

הֶער אוֹיף נָאךְ לוֹיפְן דַיין וַוייבּ וְכוּ', עֶס אִיז נִישְׁט גוּט צוּ זִיצְן אִין שְׁטוּבּ אַ גַאנְצְן טָאג אוֹיף דַיין וַוייבּ'ס קָאפּ. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (כְּתוּבּוֹת נט:): "הַבַּטָּלָה מְבִיאָה לִידֵי זִמָּה וְלִידֵי שִׁעֲמוּם", גֵיין לֵיידִיג בְּרֶענְגְט צוּ נִישְׁט גוּטֶע זַאכְן.

דוּ דַארְפְסְט נִישְׁט קַיין פִּילְן וְכוּ', דוּ דַארְפְסְט אַרוֹיסְגֵיין פוּן שְׁטוּבּ; אָדֶער גֵיין אַרְבֶּעטְן, אָדֶער גֵיין הַפָּצָה - מֵפִיץ זַיין קוּנְטְרֵסִים פַאר אִידִישֶׁע קִינְדֶער, אָדֶער גֵיין לֶערְנֶען וְכוּ'. פִּילְן הֶעלְפְט נִישְׁט וֶוען מֶען גֵייט לֵיידִיג; אַז דוּ וֶועסְט זִיצְן אִין שְׁטוּבּ וֶועט דִיר נִישְׁט הֶעלְפְן טַאבְּלֶעטְן וְכוּ', דוּ וֶועסְט וַוייטֶער וֶועלְן זַיין הוּנְדֶערְט מָאל אַ טָאג מִיט דַיין וַוייבּ וְכוּ'.

דַיין וַוייבּ שְׁפִּירְט נִישְׁט גוּט פוּן דֶעם אַלֵיינְס וָואס דוּ זִיצְט אִיר אוֹיפְ'ן קָאפּ; אַז דוּ וֶועסְט אִיר אוֹיפְהֶערְן נָאכְלוֹיפְן וֶועט זִי זַיין גֶעזוּנְט אוּן שְׁטַארְק.

הֵייבּ אָן נָאכְאַמָאל לֶערְנֶען חַ"י פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת; אַלְס בָּחוּר הָאסְטוּ גֶעלֶערְנְט אַזוֹי פְלַייסִיג מִשְׁנָיוֹת, פַארְוָואס זָאלְסְטוּ נִישְׁט מַמְשִׁיךְ זַיין יֶעצְט נָאךְ דִי חֲתוּנָה וַוייטֶער מִיט חַ"י פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת? מִשְׁנָיוֹת אִיז דִי בֶּעסְטֶע טַאבְּלֶעטְן פַארְ'ן מֶענְטְשׁ, מִשְׁנָיוֹת קִילְט אָפּ דֶעם מֶענְטְשׁ פוּנֶעם בְּרֶענֶעדִיגְן יֵצֶר הָרָע.
~~~~~~~~~~

אִיךְ הָאבּ אַז דוּ הָאסְט זִיךְ נִישְׁט בַּאלֵיידִיגְט פוּן דִי נֶעכְטִיגֶע שְׁמוּעֶס, אִיךְ הָאבּ פָּשׁוּט רַחְמָנוּת אוֹיף דִיר; עֶס אִיז אַ שָׁאד אַז דַיין שָׁלוֹם בַּיִת זָאל זִיךְ דִיר אָפְּקִילְן. וֶוען אַ פְרוֹי שְׁפִּירְט וְוי דֶער מַאן לוֹיפְט אִיר נָאךְ וְכוּ', קִילְט זִיךְ אָפּ דִי לִיבְשַׁאפְט וְכוּ'. אַזוֹי וְוי עֶס אִיז בַּאקַאנְט דִי מַעֲשֶׂה, אַ אִיד אִיז אַמָאל גֶעקוּמֶען צוּם הֵיילִיגְן צֶמַח צֶדֶק פוּן לִיוּבַּאוִויטְשׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אוּן זִיךְ בַּאקְלָאגְט אַז דַיין וַוייבּ גְרוֹיסְט זִיךְ אוֹיף אִים, זִי דֶערְנִידֶערְט אִים אוּן טְשֶׁעפֶּעט אִים. הָאט דֶער הֵיילִיגֶער צַדִיק אִים גֶעזָאגְט: דִי תּוֹרָה זָאגְט (בְּרֵאשִׁית ג, טז): "וְאֶל אִישֵׁךְ תְּשׁוּקָתֵךְ, וְהוּא יִמְשָׁל בָּךְ", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעזָאגְט פַאר חַוָה אַז זִי וֶועט גְלִיסְטְן נָאכ'ן מַאן אוּן דֶער מַאן וֶועט גֶעוֶועלְטִיגְן אִיבֶּער אִיר, אוּן דֶער צֶמַח צֶדֶק הָאט אוֹיסְגֶעפִירְט: "דָאס גֵייט אִינְאֵיינֶעם, אוּן אוֹיבּ טוֹישְׁט מֶען אוֹיף דֶעם עֶרְשְׁטְן חֵלֶק, מֶען גְלִיסְט צוּ אִיר, דַאן טוֹישְׁט זִיךְ דֶער צְוֵוייטֶער חֵלֶק אוּן זִי וֶוערְט דִי גֶעוֶועלְטִיגֶער".

אַ גוּט קְוִויטְל.

...

~~~~~~~~~~

## קְלָלוֹת שַׁאדְט נָאר פַאר דֶעם מְקַלֵל.

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת בְּרֵאשִׁית, אִסְרוּ חַג, כ"ד תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד הַכַּלָּה ... תִּחְיֶ'.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

דוּ קֶענְסְט אַרוֹיסְגֵיין פוּן שְׁטוּבּ אוּן דוּ דַארְפְסְט נִישְׁט מוֹרָא הָאבְּן פוּן קְלָלוֹת; קְלָלוֹת שַׁאדְט נָאר פַאר דֶעם מְקַלֵל.

בְּנוֹגֵעַ זִיךְ אָפְּשֶׁערְן; עֶס אִיז זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶע זַאךְ זִיךְ אָפְּצוּשֶׁערְן דִי הָאר נָאךְ דִי חֲתוּנָה, רֶבִּי שִׁמְעוֹן בֶּן יוֹחָאִי זָאגְט צוּ גוּטֶע דוֹרוֹת אוּן פַּרְנָסָה וְכוּ' וְכוּ' פַאר דִי פְרוֹי וָואס שֶׁערְט אָפּ אִירֶע הָאר נָאךְ דִי חֲתוּנָה (עַיֵין זוֹהַר הַקָדוֹשׁ פַּרְשַׁת נָשֹׂא, דַף קכה עָמוּד ב).

אוֹיבּ אִיז מַמָשׁ אַזוֹי וְוי דוּ שְׁרַייבְּסְט אִינֶעם בְּרִיוו, דוּ שְׁפִּירְסְט אַז אוֹיבּ מֶען גֵייט דִיר אָפְּשֶׁערְן אִיז דָאס וְוי מֶען גֵייט דִיר אָפְּהַאקְן דַיין הַאנְט וְכוּ', דֶעמָאלְט קֶענְסְטוּ וַוארְטְן וְכוּ' אוּן מִיט'ן אֵייבֶּערְשְׁטְנ'ס הִילְף, מִיט אַסַאךְ תְּפִילָה וְהִתְבּוֹדְדוּת וֶועסְטוּ אָנְהֵייבְּן שְׁפִּירְן אַ גֶעשְׁמַאק אִין אִידִישְׁקֵייט אוּן דוּ וֶועסְט זַיין גְרֵייט אוֹיף דֶעם, וֶועסְטוּ דָאס טוּן בְּשִׂמְחָה וּבְטוּב לֵבָב.

הָאבּ נִישְׁט מוֹרָא פוּן קְלָלוֹת; שְׁלֹמֹה הַמֶלֶךְ זָאגְט (מִשְׁלֵי כו, ב): "כַּצִּפּוֹר לָנוּד, כַּדְּרוֹר
~~~~~~~~~~

לָעוּף, כֵּן קִלְלַת חִנָּם לֹו תָבֹא", אַזוֹי וִוי אַ פֵייגֶל פְלִיט אַרוֹיס פוּן אִיר נֶעסְט צוּ זוּכְן עֶסְן אוּן נָאכְדֶעם קֶערְט זִי זִיךְ צוּרִיק, אַזוֹי אוֹיךְ וֶוען אֵיינֶער שֶׁעלְט וֶועט דָאס צוּרִיק קוּמֶען צוּ דֶעם וָואס שֶׁעלְט.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶע דַיינֶע וֶועגְן.

...

~~~~~~~~~~

**בַּיי מִיר אִיז שִׂכְחָה אַ מַעֲלָה.**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת בְּרֵאשִׁית, אִסְרוּ חַג, כ"ד תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אַז זִי הָאט זִיךְ לְמַעֲשֶׂה אַרוֹיסְגֶעדְרֵייט אוּן זִי הָאט נִישְׁט גֶעכַאפְּט וָואס עֶר הָאט גֶעוָואלְט טוּן וְכוּ' וְכוּ' אוּן זִי הָאט בָּרוּךְ ה' חֲתוּנָה גֶעהַאט אוּן זִי לֶעבְּט מִיט דִיר כְּדֶרֶךְ כָּל הָאָרֶץ וְכוּ', דַארְף זִי גָארְנִישְׁט טוּן.

שְׁטַארְק דַיין וַוייבּ אוּן מַאךְ אִיר פְרֵיילִיךְ; מֶען דַארְף נִישְׁט אַרַיין גְרִיבְּלֶען אִין אַלְטֶע זַאכְן נָאכְדֶעם וָואס דֶער מְנֻוָּל הָאט נִישְׁט מַצְלִיחַ גֶעוֶועוען וְכוּ', חַזֶר'ט אַייךְ אַיין וָואס דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן כו): "בַּיי דִי וֶועלְט אִיז שִׂכְחָה אַ חִסָרוֹן, אָבֶער בַּיי מִיר אִיז שִׂכְחָה אַ מַעְלָה", מֶענְטְשְׁן רֶעדְן זִיךְ אָפּ אַז זֵיי הָאבְּן נִישְׁט קַיין גוּטֶע זִכָּרוֹן אוּן זֵיי פַארְגֶעסְן וָואס אִיז גֶעוֶוען, מֶען מֵיינְט אַז דָאס אִיז אַ חִסָרוֹן, אָבֶער עֶס אִיז פַארְקֶערְט, עֶס אִיז נָאר אַ מַעְלָה, וַוייל וֶוען עֶס וָואלְט וֶוען נִישְׁט גֶעוֶוען שִׂכְחָה וָואלְט מֶען נִישְׁט גֶעקֶענְט דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען וָואלְט נִישְׁט אוֹיפְגֶעהֶערְט צוּ טְרַאכְטְן פוּנֶעם פַארְגַאנְגֶענְהֵייט, פוּן אַלֶע דוּרְכְפֶעלֶער אוּן אַלֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען וָואס מֶען אִיז דוּרְךְ, דָאס וָואלְט גוֹרֵם גֶעוֶוען אַז דֶער מֶענְטְשׁ זָאל נִישְׁט וֶועלְן נָאכְאַמָאל פְּרוּבִּירְן צוּ זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, אָבֶער יֶעצְט אַז עֶס אִיז דָא שִׂכְחָה, קֶען מֶען זִיךְ בַּאנֵייעֶן אוּן אָנְהֵייבְּן פוּנְדָאסְנֵיי.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶע דַיינֶע וֶועגְן.

...

~~~~~~~~

**יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר'ן אַהֶערְשְׁטֶעלְן אַזַא שֵׁיינֶע רֹאשׁ הַשָּׁנָה.**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת בְּרֵאשִׁית, כ"ה תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן**

**לִכְבוֹד מַיין טַייעֶרֶער לִיבֶּער תַּלְמִיד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

זֵיי מִיר מוֹחֵל אַז אִיךְ בִּין נִישְׁט אָנְגֶעקוּמֶען דִיר צוּ שְׁרַייבְּן פוּן רֹאשׁ הַשָּׁנָה בִּיז יֶעצְט.

אִיךְ דַאנְק דִיר מִיט מַיין גַאנְצֶע הַארְץ פַּאר'ן אַהֶערְשְׁטֶעלְן אַזַא שֵׁיינֶע רֹאשׁ הַשָּׁנָה; דָאס יָאר אִיז בַּיי מִיר גֶעוֶועוְן דִי פּוּפְּצְנְסְטֶע יָאר וָואס אִיךְ בִּין זוֹכֶה צוּ קוּמֶען צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס רֹאשׁ הַשָּׁנָה, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן וַוייטֶער אַז וִוילַאנְג אִיךְ לֶעבּ זָאל אִיךְ קוּמֶען אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה צוּם רֶבִּי'ן.

דָאס יָאר אִיז גֶעוֶועוְן דִי שֶׁענְסְטֶע יָאר; מַמֶּשׁ אַ מְחַיֶּ' דֶער נֵייעֶר בִּנְיָן, מִיר הָאבְּן אַ וִוינְקֶעלֶע וואוּ מִיר אַלֶע תַּלְמִידֵי הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ קֶענֶען זַיין בְּצַוְתָּא, אִינְאֵיינֶעם זִיךְ מְחַזֵּק זַיין כְּאִישׁ אֶחָד בְּלֵב אֶחָד מִיט דִי עֵצוֹת פוּן רֶבִּי'ן.

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר'ן זִיךְ אַזוֹי אַוֶועקְגֶעבְּן אַזוֹיפִיל וָואכְן אוּן חֳדָשִׁים; אָנְגֶעהוֹיבְּן פוּן פֶּסַח בִּיז רֹאשׁ הַשָּׁנָה דַאֲגָה'סְטוּ טָאג נָאךְ טָאג, אַז אַלֶעס זָאל זַיין אוֹיפְ'ן בֶּעסְטְן אוֹפָן. אִין דֶעם זְכוּת זָאלְסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶע דַיינֶע וֶועגְן אוּן הָאבְּן נַחַת מִכָּל יוֹצְאֵי חֲלָצֶיךָ.

אִיךְ הָאף אַז דוּ וֶועסְט זַיין גְרֵייט וַוייטֶער צוּ טוּן דַיין שְׁלִיחוּת דֶעם קוּמֶענְדִיגְן יָאר, שְׁנַת תשפ"א הַבָּא עָלֵינוּ לְטוֹבָה; אָנְגְרֵייטְן אוּן מְסַדֵּר זַיין אַז מִיר זָאלְן הָאבְּן אַ שֵׁיינֶעם יוֹם טוֹב.

גֶעלוֹיבְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז אִיךְ הָאבּ שׁוֹין גֶעמַאכְט טִיקֶעטְס פַאר'ן קוּמֶענְדִיגְן יָאר מִיט מַיינֶע קִינְדֶער; מִיר וֶועלְן פָארְן דִינְסְטָאג כ"ו אֱלוּל, מֶען דַארְף שׁוֹין פָארְן דִינְסְטָאג, וַוייל רֹאשׁ הַשָּׁנָה גֶעפַאלְט אוּם שַׁבָּת וְכוּ'.

גֶעבּ אִיבֶּער פַאר אַלֶע וָואס זֶענֶען אַחֲרָאִי אוֹיפְ'ן בִּנְיָן, אַז פַאר דִי מְלַמְדִים אוּן כּוֹלֵל אִינְגֶעלַייט דַארְף מֶען גֶעבְּן פַאר בִּילִיגֶער.

אִיךְ פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר אַז דוּ וֶועסְט מַמְשִׁיךְ זַיין דָאס יָאר מִיט "אָבוֹת וּבָנִים"; פוּן קוּמֶענְדִיגֶע וָואךְ מוֹצָאֵי שַׁבָּת פַּרְשַׁת נֹחַ וֶוען מֶען רוּקְט צוּרִיק דֶעם זֵייגֶער, צוּ בְּרֶענְגֶען פְּרָסִים וְכוּ' פַאר דִי קִינְדֶער וָואס בְּלַייבְּן אִין בֵּית הַמֶּדְרָשׁ לֶערְנֶען מִיט דִי עֶלְטֶערְן פַאר אַ דְרֵיי פֶערְטְל שָׁעָה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

~~~~~~~~~~~

**נִישְׁט אַרַיינְבְּרֶענְגֶען דֶעם טֶעלֶעפָאן אִין שְׁטוּבּ.**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת בְּרֵאשִׁית, כ"ה תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טַייעֶרער ... נֵרוֹ יָאִיר.**

דוּ הָאסְט מִיר מְחַיֶּ׳ גֶעוֶועזְן וֶוען דוּ הָאסְט מִיר גֶעזָאגְט הוֹשַׁעְנָא רַבָּה נָאכְ׳ן דַאוֶונֶען אַז אִיךְ הָאב גֶע׳פּוֹעֵל׳ט בַּיי דִיר, דוּ גֵייסְט נִישְׁט אַהֵיימְבְּרֶענְגֶען דַיין טֶעלֶעפָאן וְכַדוֹמֶה אִין שְׁטוּבּ.

זֶה חֶלְקִי מִכָּל עֲמָלִי; דָאס אִיז מַיין גַאנְצֶע נַחַת, צוּ זֶען ווִי דִי תַּלְמִידִים בּוֹיעֶן עֶרְלִיכֶע אִידִישֶׁע שְׁטוּבֶּער לְשֵׁם וּלְתוֹרָתוֹ.

נָאךְ אַפָּאר תַּלְמִידִים זֶענֶען צוּ מִיר צוּגֶעקוּמֶען בְּמֶשֶׁךְ דֶעם יוֹם טוֹב מִיר מְבַשֵּׂר זַיין דִי גוּטֶע נֵייעֶס אַז זֵיי נֶעמֶען זִיךְ פָאר מֶער נִישְׁט אַהֵיים צוּ בְּרֶענְגֶען זֵייעֶר טֶעלֶעפָאן אִין שְׁטוּבּ.

אִיךְ בֶּעט יֶעדְן טָאג דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר דִיר, דַיין וַוייבּ אוּן קִינְדֶער, אִיר זָאלְט הָאבְּן אַ גוּטֶע לֶעבְּן אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

...

~~~~~~~~~~~

**מְעוֹרֵר זַיין אוֹיף צְנִיעוּת.**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת בְּרֵאשִׁית, כ"ה תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

**מָרַת ... תִּחְיֶ׳.**

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר דוּ זָאלְסְט זִיךְ שְׁטַארְקְן מִיט אַלֶע דַיינֶע כֹּחוֹת צוּ זַיין פְּרֵיילִיךְ אוּן רוּאִיג.

קוּק דִי נִיסִים וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט דִיר גֶעמַאכְט, עֶר הָאט דִיר צוּרִיק גֶעגֶעבְּן דַיין נְשָׁמָה, דוּ לֶעבְּסְט אוּן בִּיסְט גֶעזוּנְט אוּן שְׁטַארְק.

בִּזְכוּת וָואס דוּ וֶועסְט אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף צְנִיעוּת אוּן דוּ וֶועסְט רֶעדְן מִיט אַנְדֶערֶע פוּן צְנִיעוּת וֶועסְטוּ הָאבְּן לַאנְגֶע שֵׁיינֶע יָארְן מִיט נַחַת פוּן דַיינֶע קִינְדֶער צוּזַאמֶען מִיט דַיין מַאן.

בְּנוֹגֵעַ דֶערְצֵיילְן דִי מַעֲשֶׂה פַאר אַנְדֶערֶע; אִיךְ וָואלְט דִיר גֶעְרָאטְן דוּ זָאלְסְט דָאס נָאר דֶערְצֵיילְן פַאר בַּאקַאנְטֶע וְכַדוֹמֶה, פְרֶעמְדֶע - וָואס קֶענֶען דִיר נִישְׁט וֶועלְן מֵיינֶען אַז עֶפֶּעס אִיז גֶעשֶׁען מִיט דִיר. דֶער זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ זָאגְט (פַּרְשַׁת תְּצַוֶּה, דַּף קפו:): "זַכָּאָה מַאן

דְּמַלִּיל עַל אוּדְנִין דְּשָׁמְעִין", וואוּיל אִיז דֶעם וָואס רֶעדְט צוּ אוֹיעֶרְן וָואס הֶערְן; עֶר רֶעדְט צוּ מֶענְטְשְׁן וָואס הֶערְן אוֹיס וָואס עֶר רֶעדְט.

לֵייג יֶעדְן טָאג אִין פּוּשְׁקֶע אַפָּאר פְּרוּטוֹת לִצְדָקָה.

...

~~~~~~~~~~

**זַיי מַמְשִׁיךְ צוּ גֶעבְּן "פַּרְנָס הַחוֹדֶשׁ" פַּאר דִי רֶענְט.**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרֵךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת בְּרֵאשִׁית, כ"ה תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טַייעֶרער לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אוֹיף דַיין פְרַאגֶע, אַז דוּ הָאסְט זִיךְ אַרוֹיסְגֶעצוֹיגְן אִין שְׁטֶעטְל, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב לִיבֶּערְטִי יצ"ו, אוּן דוּ ווילְסְט וויסְן אוֹיב דוּ זָאלְסְט מַמְשִׁיךְ זַיין מִיט דִי צְדָקָה פַּאר דִי יְשִׁיבָה וָואס דוּ פְּלֶעגְסְט גֶעבְּן בְּרוּחַ נְדִיבָה אַ פַּרְנָס הַחוֹדֶשׁ, אָדֶער אָנְהֵייבְּן גֶעבְּן דִי צְדָקָה פַּאר וְכוּ׳.

אַוַודַאי זָאלְסְטוּ מַמְשִׁיךְ זַיין מִיטְ'ן "פַּרְנָס הַחוֹדֶשׁ" פַּאר דִי יְשִׁיבָה, הֶעלְפְן דֶעקְן דִי גְרוֹיסֶע הוֹצָאוֹת פוּן רֶענְט וְכוּ׳.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן דוּ זָאלְסְט קֵיינְמָאל נִישְׁט פַארְגֶעסְן דַיין עָבַר, זָאלְסְט שְׁטֶענְדִיג גֶעדֶענְקֶען דָאס עֶרְשְׁטֶע מָאל וֶוען דוּ בִּיסְט אַרוֹיפְגֶעקוּמֶען אִין יְשִׁיבָה וָואס דוּ הָאסְט דָא בַּאקוּמֶען, וֶועט דִיר זַיין אַ פָּשׁוּט'עֶ זַאךְ וואוּ דַיין צְדָקָה זָאל גֵיין.

אִיךְ חַזֶר זִיךְ יֶעדְן טָאג וָואס דֶער רֶבִּי הָאט מִיר גֶעגֶעבְּן אוּן וָואס מוֹהֲרָא"שׁ הָאט גֶעטוּן מִיט מִיר, דָאס גֶעבְּט מִיר כֹּחַ צוּ טוּן אוּן טוּן אוּן טוּן אָן עֶרְוַואַרְטְן אַז אֵיינֶער זָאל מִיר זָאגְן יִישַׁר כֹּחַ, אַ דַאנְק וְכוּ׳, וְכוּ׳. וֶוען מֶען גֶעדֶענְקְט וָואס דֶער רֶבִּי גֶעבְּט אוּנְז דֶעמָאלְט אִיז גוּט.

אִיךְ הָאבּ דִיר לִיבּ.

...

~~~~~~~~~~

**אָנְפִילְן דִי טֶעג אוּן יָארְן מִיט תּוֹרָה אוּן גוּטֶע זַאכְן.**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרֵךְ - ה׳ פַּרְשַׁת בְּרֵאשִׁית, כ"ה תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

וָואס הָאסְטוּ פוּן קוּקְן זֶבֶל אוּן זֻהֲמָה נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל?! דוּ הָאסְט דָאךְ שׁוֹין אַלֶעס גֶעזֶען! עֶס גֵייט דִיר נָאךְ נִישְׁט אַרוֹיס פוּן דִי נָאז?! וָואס הָאסְטוּ פוּן קוּקְן

פִּיקְטְשֶׁערְס אוּן מָאוִויס פוּן עֶקְלְדִיגֶע אוֹיסְגֶעלַאסֶענֶע פְּרוֹיעֶן?! דָאס מַאכְט דִיר נָאכְדֶעם אַזוֹי דֶעפְּרֶעסְט! דוּ כַאפְּסְט נִישְׁט פוּן וָואס דוּ בִּיסְט אַזוֹי בְּעַצְבוּת; דַיין דֶעפְּרֶעסְיֶע אוּן צֶעבְּרָאכְנְקֵייט קוּמְט פוּן קוּקְן עֲבֵירוֹת וָואס דָאס בְּרֶענְגְט צוּ פְּגַם הַבְּרִית רַחְמָנָא לִצְלָן.

אִין דִי צַייט פוּן שְׁפִּילְן מִיטְ'ן טֶעלֶעפָאן, קוּקְן סְטֶעטוּ"ס וְכוּ' - קֶענְסְטוּ נֶעמֶען אַ חוּמָשׁ אוּן מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין; מֶען הָאט יֶעצְט אָנְגֶעהוֹיבְּן נָאכְאַמָאל חֲמִשָּׁה חוּמְשֵׁי תּוֹרָה, מֶען הַאלְט אִין פַּרְשַׁת בְּרֵאשִׁית, דִי פַּרְשָׁה וְוִי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעפְרֶעגְט אָדָם הָרִאשׁוֹן: "אַיֶּכָּה - וואוּ בִּיסְטוּ?"

עֶס אִיז יָדוּעַ דֶעם סִיפּוּר אַז וֶוען דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל הַתַּנְיָא זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אִיז גֶעוֶוען אִין תְּפִיסָה אִין פֶּעטֶערְבּוּרְג, בְּשָׁעַת דִי חֲקִירוֹת הָאט דֶער חוֹקֵר - וָואס עֶר הָאט גֶעקֶענְט תַּנַ"ךְ אוּן נָאךְ אִידִישֶׁע זַאכְן - גֶעפְרֶעגְט דֶעם הֵיילִיגְן בַּעַל הַתַּנְיָא וָואס אִיז פְּשַׁט וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעפְרֶעגְט אָדָם הָרִאשׁוֹן נָאכְ'ן חֵטְא פוּנֶעם עֵץ הַדַּעַת (בְּרֵאשִׁית ג, ט): "וַיִּקְרָא ה' אֱלֹקִים אֶל הָאָדָם וַיֹּאמֶר לוֹ, אַיֶּכָּה - אַוואוּ בִּיסְטוּ?" הָאט דֶען דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער נִישְׁט גֶעוואוּסְט וואוּ אָדָם הָרִאשׁוֹן אִיז?! קוֹדֶם הָאט אִים דֶער בַּעַל הַתַּנְיָא גֶעזָאגְט וָואס רַשִׁ"י זָאגְט דָארְט, אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעוָואלְט אָנְהֵייבְּן מִיט אִים אַ שְׁמוּעֶס כְּדֵי עֶר זָאל זִיךְ נִישְׁט דֶערְשְׁרֶעקְן וְכוּ', אָבֶּער דֶער חוֹקֵר הָאט גֶעזָאגְט פַארְ'ן בַּעַל הַתַּנְיָא: "אִיךְ וֵויס וָואס רַשִׁ"י זָאגְט, אִיךְ ווִיל הֶערְן פוּן אַייךְ אַ בֶּעסֶערֶע תֵּירוּץ".

הָאט דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל הַתַּנְיָא אִים גֶעזָאגְט אַזוֹי: "וֶוען אַ מֶענְטְשׁ קוּמְט אָן צוּ אַ גֶעווִיסֶע יָאר פוּן זַיין לֶעבְּן - דֶער בַּעַל הַתַּנְיָא הָאט צוּגֶעטְרָאפְן גֶענוֹי ווִי אַלְט דֶער שַׂר אִיז גֶעוֶוען - פְרֶעגְט אִים דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער: "אַיֶּכָּה? - דוּ וֵוייסְט פַארְוָואס אִיךְ הָאבּ דִיר בַּאשַׁאפְן, הָאסְטוּ גֶעטוּן וָואס אִיךְ ווִיל פוּן דִיר?" דָאס הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעפְרֶעגְט אָדָם הָרִאשׁוֹן: "אַיֶּכָּה? וָואס גֵייט פָאר מִיט דִיר, וָואס הָאסְטוּ גֶעטוּן דָא? וואוּ בִּיסְטוּ? דוּ בִּיסְט דָאךְ אִין 'גַן עֵדֶן'; אִיךְ הָאבּ דִיר דָאךְ גֶעגֶעבְן אַ גַאנְצֶע וֶועלְט, פַארְוָואס הָאסְטוּ זִיךְ בַּאנַארִישְׁט?!" דֶער שַׂר אִיז זֵייעֶר נִתְפָּעֵל גֶעוָוארְן פוּנֶעם עֶנְטְפֶער אוּן עֶר אִיז גֶעגַאנְגֶען שְׁתַּדְלְ'ן מֶען זָאל בַּאפְרֵייעֶן דֶעם הֵיילִיגְן בַּעַל הַתַּנְיָא.

וֶוען עֶס גֵייט אַרִיבֶּער נָאךְ אַ יָאר פוּנֶעם מֶענְטְשְׁנְ'ס לֶעבְּן פְרֶעגְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער: "אַיֶּכָּה - וואוּ בִּיסְטוּ? וָואס טוּסְטוּ?" זַיי זִיךְ מְצַיֵּיר ווִי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער שְׁטֵייט נֶעבְּן דִיר אוּן פְרֶעגְט דִיר: "וָואס טוּסְטוּ אַ גַאנְצְן טָאג מִיטְ'ן טֶעלֶעפָאן?! עֶס פַּאסְט דִיר?"

מָארְגְן הֵייבְּן מִיר אָן אַ נַייעֶ מַסֶּכְתָּא, מַסֶּכֶת נִדָּה - דִי לֶעצְטֶע מַסֶּכְתָּא פוּן שַׁ"ס; כַאפּ זִיךְ מִיט, אַ שָׁאד עֶס גֵייט אַרִיבֶּער אַזוֹי דִי טֶעג אוּן יָארְן, פַארְוָואס זָאלְסְטוּ נִישְׁט אַרַיין כַאפְּן גוּטְס? אֲפִילוּ דוּ פַארְשְׁטֵייסְט נִישְׁט קַיין לֶערְנֶען זָאלְסְטוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג דֶעם

דַף, זָאג דִי וֶוערְטֶער פוּן דִי תּוֹרָה וֶועט עֶס דִיר אוֹיסְהֵיילְן אוּן דִיר מַאכְן פַאר אַן עֶרְלִיכֶער אִיד.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶע דַיינֶע וֶועגְן.

...

~~~~~~~~~~~

**שְׁטֶענְדִיג מְחַיֶ' זַיין נָאךְ אַ אִיד.**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרֵךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת נֹחַ, כ"ח תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

זַיי וַוייטֶער שְׁטַארְק אִין הַפָּצָה; אַ בְּרֶסְלֶב'עֶר חָסִיד דַארְף יֶעדְן טָאג עוֹסֵק זַיין אַבִּיסְל אִין הַפָּצָה.

רֶבִּי נָתָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה דֶערְצֵיילְט (חַיֵּי מוֹהַרַ"ן, סִימָן תקמג): "כַּמָּה פְּעָמִים הָיָה מְבַזֶּה אוֹתָנוּ בְּבִזְיוֹנוֹת עַל שֶׁאָנוּ מִתְעַצְּלִים בָּזֶה, וּפַעַם אַחַת קָרָא אוֹתָנוּ 'עֵצִים יְבֵשִׁים' עַל שֶׁאֵין אָנוּ מוֹלִידִים נְפָשׁוֹת שֶׁיִּתְקָרְבוּ לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ עַל יָדֵינוּ", דֶער רֶבִּי פְלֶעגְט אוּנְז אַסַאךְ מָאל אָנְשְׁרַייעֶן, פַארְשֶׁעמֶען אוּן אוּנְז אָנְרוּפְן: "אִיר זֶענְט טְרִיקֶענֶע בֵּיימֶער, וַוייל אִיר זֶענְט נִישְׁט מְקָרֵב נָאךְ אִידִישֶׁע קִינְדֶער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן"; הַאלְט אִין דַיין קַאר סְפָרִים, קוּנְטְרֵסִים וְכוּ', וְכוּ', כְּדֵי דוּ זָאלְסְט שְׁטֶענְדִיג הָאבְּן מִיט דִיר סְפָרִים פוּן רֶבִּי'ן צוּ קֶענֶען מְחַיֶ' זַיין נָאךְ אַ אִיד.

רֶבִּי נָתָן הָאט גֶעזָאגְט אַפָּאר טֶעג פַאר עֶר אִיז נִסְתַּלֵּק גֶעוָוארְן: "אַייעֶר עוּבְדָא זָאל זַיין יָפֻצוּ מַעַיְנוֹתֶיךָ חוּצָה".

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶע דַיינֶע וֶועגְן.

...

~~~~~~~~~~~

**מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען בִּזְכוּת דִי אִידְן וָואס זָאגְן תְּהִלִּים יֶעדְן טָאג.**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרֵךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת נֹחַ, כ"ט תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

**... תְּחְיֶ', תַּלְמִידָה בֵּית פֵּיגָא בְּרֶסְלֶב.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אִיךְ פְרֵיי מִיר זֵייעֶר צוּ הֶערְן אַז דוּ זָאגְסְט יֶעדְן טָאג דֶעם 'יוֹם תְּהִלִּים' אוּן דוּ הָאסְט יֶעצְט גֶעעֶנְדִיגְט דִי ...'סְטֶע מָאל סֵפֶר תְּהִלִּים.

מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט פָּארְשְׁטֶעלְן דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן זָאגְן תְּהִלִּים; דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט אַז מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען בִּזְכוּת דִי פָּשׁוּט'עֶ אִידְן וָואס זָאגְן אַסַאךְ תְּהִלִּים, הָרַב הַקָּדוֹשׁ מְסַאטְמַאר זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ בְּרֶענְגְט דָאס אַרָאפּ אִין סֵפֶר וַיּוֹאֶל מֹשֶׁה (מַאֲמָר יִשּׁוּב אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, סִימָן קנ) אַז מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען בִּזְכוּת דִי אַלֶע עֶרְלִיכֶע פָּשׁוּט'עֶ אִידְן וָואס זָאגְן תְּהִלִּים יֶעדְן טָאג; זָאלְסְטוּ וַוייטֶער מַמְשִׁיךְ זַיין צוּ זָאגְן יֶעדְן טָאג תְּהִלִּים.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע דַיינֶע וֶועגְן.

...

~~~~~~~~~~~

**אַ חָתָן דַארְף פַּארְגֶעסְן זַיין גַאנְצֶע עָבַר אוּן אָנְהֵייבְּן פוּנְדָאסְנַיי.**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת נֹחַ, כ"ט תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד הֶחָתָן ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אַמָאל נָאכְגֶעזָאגְט פַאר אַ חָתָן דָאס וָואס חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (כְּתוּבּוֹת יז.): "כֵּיצַד מְרַקְּדִין לִפְנֵי הַכַּלָּה", אוּן דֶער רֶבִּי הָאט אִים דָאס מַסְבִּיר גֶעוֶוען: "כֵּיצַד 'מְרַקְּדִין וּמְדַלְּגִין' עַל מַה שֶׁהָיָה לִפְנֵי הַכַּלָּה, הַיְנוּ לִפְנֵי הַחֲתֻנָּה", מְרַקְּדִים אִיז טַייטְשׁ טַאנְצְן אוּן שְׁפְּרִינְגֶען; מֶען דַארְף אִיבֶּערְשְׁפְּרִינְגֶען וָואס אִיז גֶעוֶוען פַאר דִי חֲתוּנָה; דָאס הֵייסְט, אַז אַ חָתָן דַארְף פַּארְגֶעסְן זַיין גַאנְצֶע עָבַר אוּן אָנְהֵייבְּן פוּנְדָאסְנַיי (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן תקפו).

דוּ דַארְפְסְט נִישְׁט וַוארְטְן בִּיז נָאךְ דִי חֲתוּנָה צוּ לֵייגְן תְּפִלִּין דְּרַבֵּנוּ תַּם, הֵייבּ שׁוֹין אָן הַיינְט לֵייגְן תְּפִלִּין דְּרַבֵּנוּ תַּם; רֶבִּי נָתָן זָאגְט (לִיקּוּטֵי הֲלָכוֹת תְּפִלִּין, הֲלָכָה ה', אוֹת כח): "וְעַל כֵּן כָּל מִי שֶׁרוֹצֶה לְקָרֵב אֶת עַצְמוֹ לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ וְכוּ' צָרִיךְ לְהָנִיחַ תְּפִילִין דְּרַבֵּנוּ תַּם כְּמוֹ שֶׁהִזְהִיר רַבֵּינוּ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה אֶת אֲנָשָׁיו לְהָנִיחַ תְּפִילִין דְּרַבֵּנוּ תַּם", וֶוער עֶס ווִיל מְקוּרָב וֶוערְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן זָאל מַקְפִּיד זַיין אָנְצוּטוּן תְּפִלִּין דְּרַבֵּנוּ תַּם, אַזוֹי ווִי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט מַזְהִיר גֶעוֶוען זַיינֶע מֶענְטְשְׁן; אוּן קוּק אַרַיין אִין זַיינֶע הֵיילִיגֶע וֶוערְטֶער וָואס עֶר שְׁרַייבְּט וַוייטֶער, מוֹרָא'דִיגֶע וֶוערְטֶער (שָׁם, אוֹת כט): "וְעַל כֵּן עַכְשָׁיו בְּעִקְּבוֹת מְשִׁיחָא בְּסוֹף הַגָּלוּת צְרִיכִים לִזָּהֵר מְאֹד לְהָנִיחַ תְּפִילִין דְּרַבֵּנוּ תַּם כְּמוֹ שֶׁהִזְהִירוּ כָּל הַצַּדִּיקִים אֲמִתִּיִּים שֶׁהָיוּ בְּיָמֵינוּ", אִין דִי הַיינְטִיגֶע טֶעג וָואס מֶען הַאלְט שׁוֹין מַמֶשׁ בַּיי דִי גְאוּלָּה, מִיר גֵייעֶן שׁוֹין אָט אָט אַרוֹיס פוּן גָלוּת, דַארְף מֶען זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן אָנְצוּטוּן תְּפִלִּין דְּרַבֵּנוּ תַּם, אַזוֹי ווִי אַלֶע צַדִּיקִים הָאבְּן אוּנְז מַזְהִיר גֶעוֶוען, "כִּי עַכְשָׁיו הִתְגַּבֵּר הַבַּעַל דָּבָר מְאֹד מְאֹד מַחֲמַת שֶׁרוֹאֶה שֶׁקָּרוֹב לָבֹא קִצּוֹ", וַוייל דֶער יֵצֶר הָרַע אִיז זִיךְ זֵייעֶר מִתְגַּבֵּר
~~~~~~~~~~~

זֶעעֶנְדִיג וִוי זַיין סוֹף קוּמְט שׁוֹין, דֶערְפַאר דַארְפְן מִיר הָאבְּן בֵּיידֶע פָּאר תְּפִלִּין זִיךְ צוּ קֶענֶען קְרִיגְן מִיט אִים; קוּק נָאךְ אִינֶעוֵויינִיג דִי גַאנְצֶע אוֹת וֶועסְטוּ זֶען דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן תְּפִלִּין דְּרַבֵּנוּ תָּם.

אִיךְ וֵוייס נָאךְ נִישְׁט וֶוען אִיךְ פָּאר קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, אִיךְ הָאף מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס הִילְף צוּ זַיין בְּקָרוֹב אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל אוּן זוֹכֶה זַיין צוּ אַלֶע גְרוֹיסֶע זַאכְן וָואס דֶער רֶבִּי זָאגְט אַז מֶען בַּאקוּמְט דוּרְךְ אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל; וֶוען אִיךְ וֶועל זַיין אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל וֶועל אִיךְ לֶערְנֶען מִיט דִיר פָּנִים בְּפָנִים וִוי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן בִּדְבָרִים שֶׁבֵּינוֹ לְבֵינָהּ, נִישְׁט צוּ וֶוערְן פַארְדְרֵייט פוּן דִי אַלֶע וָואס לֶערְנֶען חוּמְרוֹת וּפְרִישׁוּת מִיט חֲתַנִים וָואס דָאס אִיז אַנְטְקֶעגְן דִי תּוֹרָה.

שְׁטַארְק זִיךְ וַוייטֶער מִיטְ'ן פַארְשְׁפְּרֵייטְן דִי לִיכְטִיגֶע עֵצוֹת פוּן רֶבִּי'ן אִין גַאנְץ אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל; מִיר דַארְפְן זִיךְ שְׁטַארְקְן קֶעגְן דִי קְלִפּוֹת, וֶוען דִי עֶרֶב רַב זוּכְן אוֹיסְצוּרַייסְן דִי תּוֹרָה דַארְפְן מִיר זוּכְן וִוי מֶער אַריין צוּ בְּרֶענְגֶען דִי אֱמוּנָה אִין אַלֶע אִידְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶע דַיינֶע וֶועגְן.

...

~~~~~~~~~~~

### פְּחָדִים בַּיינַאכְט.

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת נֹחַ, כ"ט תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

**... תְּחִיֶ', תַּלְמִידָה בֵּית פֵיגָא בְּרֶסְלֶב.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אַז דוּ הָאסְט שְׁרֶעק וֶוען דוּ גֵייסְט שְׁלָאפְן, דוּ הָאסְט מוֹרָא צוּ שְׁלָאפְן אִין דַיין שְׁטוּבּ וְכוּ', - זָאלְסְטוּ לֵיינֶען קְרִיאַת שְׁמַע פַאר דוּ גֵייסְט שְׁלָאפְן, אַזוֹי וֶועסְטוּ נִישְׁט מוֹרָא הָאבְּן פוּן קַיין שׁוּם זַאךְ.

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בְּרָכוֹת ה.): "כָּל הַקּוֹרֵא קְרִיאַת שְׁמַע עַל מִטָּתוֹ, מַזִּיקִין בְּדֵילִין הֵימֶנּוּ", וֶוער עֶס לֵיינְט קְרִיאַת שְׁמַע פַאר עֶר לֵייגְט זִיךְ שְׁלָאפְן גֵייעֶן אַלֶע מַזִּיקִים אַוֶועק פוּן אִים; נָאךְ זָאגְן זֵיי (שָׁם): "כָּל הַקּוֹרֵא קְרִיאַת שְׁמַע עַל מִטָּתוֹ כְּאִילוּ אוֹחֵז חֶרֶב שֶׁל שְׁתֵּי פִיּוֹת בְּיָדוֹ", וֶוער עֶס לֵיינְט קְרִיאַת שְׁמַע פַארְ'ן גֵיין שְׁלָאפְן אִיז אַזוֹי וִוי עֶר הַאלְט אַ מֶעסֶער וָואס אִיז שַׁארְף פוּן בֵּיידֶע זַייטְן אוּן אַזוֹי הַרְגְ'עט עֶר אוֹיס אַלֶע מַזִּיקִים.

גְרֵייט דִיר אָן נֶעגְל וַואסֶער פַאר דוּ גֵייסְט שְׁלָאפְן, אַז גְלַייךְ וֶוען דוּ שְׁטֵייסְט אוֹיף פוּן שְׁלָאף זָאלְסְטוּ זִיךְ אָפְּגִיסְן דִי הֶענְט, דוּרְכְדֶעם וֶועסְטוּ מֶער נִישְׁט מוֹרָא הָאבְּן פוּן
~~~~~~~~~~~

גָארנִישְׁט אוֹיף דִי וֶועלְט, דוּ וֶועסְט זַיין זִיכֶער אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז נֶעבְּן דִיר אוּן הִיט דִיר.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע דַיינֶע וֶועגְן.

...

~~~~~~~~~~~

**בַּיי אַ סָפֵק אִין צְנִיעוּת זָאלְסְטוּ גֵיין לְחוּמְרָא.**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת נֹחַ, כ"ט תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

**... תִּחְיֶ', תַּלְמִידָה בֵּית פֵיגָא בְּרֶסְלֶב.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אִיךְ פְרֵיי מִיר זֵייעֶר צוּ הֶערְן אַז דוּ זָאגְסְט יֶעדְן טָאג דֶעם 'יוֹם תְּהִלִים' אוּן דוּ הָאסְט יֶעצְט גֶעעֶנְדִיגְט דִי ...'סְטֶע מָאל סֵפֶר תְּהִלִים; מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן זָאגְן תְּהִלִים, בִּפְרַט מֵיידְלֶעךְ וָואס דַארְפְן גְרוֹיסֶע נִיסִים צוּ טְרֶעפְן אַן עֶרְלִיכֶער שִׁידוּךְ, אַן עֶרְלִיכֶער בָּחוּר מִיט יִרְאַת שָׁמַיִם - אִיז זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶע זַאךְ פַאר זֵיי צוּ זָאגְן תְּהִלִים.

שְׁטַארְק זִיךְ מִיט צְנִיעוּת; וֶוען דוּ הָאסְט אַ סָפֵק בַּיי צְנִיעוּת, דוּ וֵוייסְט נִישְׁט אוֹיבּ אַ זַאךְ אִיז צְנִיעוּת'דִיג אָדֶער נִישְׁט זָאלְסְטוּ שְׁטֶענְדִיג גֵיין לְחוּמְרָא, צוּ גֵיין אָנְגֶעטוּן אֵיידְל אוּן שֵׁיין, דוּרְכְדֶעם וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ טְרֶעפְן אַן עֶרְלִיכֶער בָּחוּר אַ יְרֵא הַשֵּׁם, אוּן אִינְאֵיינֶעם אוֹיפְשְׁטֶעלְן עֶרְלִיכֶע דוֹרוֹת וָואס וֶועלְן בַּאלַייכְטְן דִי וֶועלְט.

אִיךְ ווִיל אַז דוּ זָאלְסְט זַיין אַ בֵּיישְׁפִּיל (סֶעמְפְּל) פוּן אַ בֵּית פֵיגָא תַּלְמִידָה; אַלֶע זָאלְן ווִיסְן ווִי אַזוֹי אַ בֵּית פֵיגָא תַּלְמִידָה פִירְט זִיךְ וֶוען מֶען וֶועט זֶען ווִי אַזוֹי דוּ פִירְסְט זִיךְ אוֹיף.

וָואס דוּ דַארְפְסְט זָאלְסְטוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף פְּרָאסְט אִידִישׁ; רֶעד צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַזוֹי ווִי דוּ רֶעדְסְט צוּ אַ חַבֶרְ'טֶע, זָאלְסְט אִים אַלֶעס דֶערְצֵיילְן, אַלֶעס וָואס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיף דִיר וְכוּ' וְכוּ', וֶועסְטוּ זֶען גְרוֹיסֶע נִיסִים.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע דַיינֶע וֶועגְן.

...

~~~~~~~~~~~

**בֵּית הַמֶּדְרָשׁ "הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ" בֵּית שֶׁמֶשׁ.**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת נֹחַ, כ"ט תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן**

**לִכְבוֹד מַיינֶע חָשׁוּב'ע תַּלְמִידִים, תַּלְמִידֵי הֵיכָל הַקוֹדֶשׁ בֵּית שֶׁמֶשׁ, ה' עֲלֵיהֶם יִחְיוּ.**

אִיךְ פְּרֵיי זִיךְ זֵייעֶר צוּ הֶערְן דִי גוּטֶע נַייעֶס אַז אִיר הָאט זִיךְ צוּזַאמֶגֶענוּמֶען מַאכְן אַ מִנְיָן צוּ דַאוֶוענֶען צוּזַאמֶען אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ תַּלְמִידֵי הֵיכָל הַקוֹדֶשׁ. וִוי דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט בִּשְׁעַת עֶר אִיז אַוֶועק גֶעפָארְן פוּן בְּרֶסְלֶב קַיין אוּמַאן; דֶער רֶבִּי אִיז גֶעשְׁטַאנֶען בַּיים טִיר פוּן זַיין שְׁטוּב, עֶר הָאט גֶעלֵייגְט זַיין הַאנְט אוֹיף דִי מְזוּזָה אוּן גֶעזָאגְט: "תִּרְאוּ לְהִתְקַבֵּץ יַחַד, וּלְהִתְפַּלֵּל יַחַד", אִיר זָאלְט זִיךְ הַאלְטְן צוּזַאמֶען אוּן דַאוֶוענֶען צוּזַאמֶען, "כִּי אִם תִּתְפַּלְּלוּ בְּכַוָּנָה, אוּלַי תּוּכְלוּ לְהַמְשִׁיךְ אוֹתִי לְכָאן עוֹד הַפַּעַם", וַוייל אוֹיבּ אִיר וֶועט זִיךְ הַאלְטְן צוּזַאמֶען אוּן דַאוֶוענֶען צוּזַאמֶען וֶועט אִיר מִיר קֶענֶען מַמְשִׁיךְ זַיין צוּ אַייךְ (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן קפז)".

אִיר זָאלְט זִיךְ פִירְן אִין בֵּית הַמֶּדְרָשׁ אַזוֹי וִוי מֶען הָאט זִיךְ גֶעפִירְט בַּיי מוֹהֲרָא"שׁ אוּן אַזוֹי וִוי אִיר הָאט גֶעזֶען אַלֶע יָארְן אִין יְשִׁיבָה; מַאכְט נִישְׁט קַיין נַייעֶ זַאכְן, וִוי לְמָשָׁל זִינְגֶען יֶעדְן שְׁטִיקֶל בַּיים דַאוֶוענֶען וְכוּ', דַאוְונְט אַזוֹי וִוי מֶען הָאט גֶעדַאוְונְט אִין יְשִׁיבָה אַלֶע יָארְן אוּן אַזוֹי וִוי מֶען הָאט גֶעדַאוְונְט בַּיי מוֹהֲרָא"שׁ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה.

דֶער עִיקָר הַצְלָחָה פוּן אַ שׁוּל אִיז וֶוען מֶען אִיז בְּאַחְדוּת, אִיר זָאלְט שְׁטֶענְדִיג גֶעדֶענְקֶען דֶעם מַאֲמַר הַזּוֹהַר וָואס מוֹהֲרָא"שׁ פְלֶעגְט מִיט אוּנְז שְׁטֶענְדִיג חַזֶר'ן; עֶס שְׁטֵייט אִין זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ (נָשֹׂא קכח.) רֶבִּי שִׁמְעוֹן בֶּן יוֹחָאי הָאט גֶעזָאגְט פַאר זַיינֶע תַּלְמִידִים: "אֲנָן בַּחֲבִיבוּתָא תַּלְיָא", אוּנְזֶער זַאךְ אִיז אַז מִיר הָאבְּן זִיךְ לִיבּ אֵיינֶער דֶעם צְוֵוייטְן; רֶבִּי שִׁמְעוֹן בֶּן יוֹחָאי הָאט אַרַיין גֶעבְּרֶענְגְט אִין זַיינֶע תַּלְמִידִים אַז מֶען זָאל זִיךְ לִיבּ הָאבְּן אֵיינֶער דֶעם צְוֵוייטְן, פְלֶעגְט מוֹהֲרָא"שׁ זָאגְן אוֹיף דֶעם אַ שֵׁיינֶעם רֶמֶז: אַ'נַ'ן' אִיז דִי רָאשֵׁי תֵּיבוֹת: "אַ'נְשֵׁי נַ'חַל נ'וֹבֵעַ - בַּחֲבִיבוּתָא תַּלְיָא", אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ דַארְפְן זִיךְ הַאלְטְן צוּזַאמֶען אוּן זִיךְ לִיבּ הָאבְּן אֵיינֶער דֶעם צְוֵוייטְן.

מִיר דַארְפְן מְקַיֵּים זַיין וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן רצב): "הָעוֹלָם רָאוּי שֶׁיִּתְמְהוּ עַצְמָן עַל הָאַהֲבָה שֶׁבֵּינֵינוּ", דִי וֶועלְט וֶועט זִיךְ וואוּנְדֶערְן אוֹיף דִי גְרוֹיסֶע לִיבְּשַׁאפְט וָואס וֶועט הֶערְשְׁן צְוִוישְׁן אַייךְ; דָאס אִיז וָואס מוֹהֲרָא"שׁ פְלֶעגְט שְׁטֶענְדִיג חַזֶר'ן אוּן זִיךְ בֶּעטְן בַּיי אוּנְז, מִיר זָאלְן זִיךְ נִישְׁט קְרִיגְן אוּן נִישְׁט אַוֶועק מַאכְן אַ צְוֵוייטְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶע אַייעֶרֶע וֶועגְן.

...

~~~~~~~~~~~
~~~~~~~~~~~

**רֶעדְן שֵׁיין צוּ יֶעדְן אֵיינֶעם.**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת נֹחַ, כ"ט תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

**... תְּחִיֶ', תַּלְמִידָה בֵּית פֵּיגָא בְּרֶסְלֶב.**

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

**זֶע צוּ רֶעדְן שֵׁיין צוּ יֶעדְן אֵיינֶעם, סַיי צוּ דִי וָואס זֶענֶען אִין דַיין יָארְגַאנְג, סַיי צוּ דִי עֶלְטֶערֶע מֵיידְלֶעךְ אוּן אוֹיךְ צוּ יוּנְגֶערֶע מֵיידְלֶעךְ, - וֶועסְטוּ זִיךְ מַאכְן אַ גוּטֶע נָאמֶען אוּן אַלֶע וֶועלְן דִיר לִיבּ הָאבְּן.**

**מֶענְטְשְׁן הָאבְּן לִיבּ אַ פְרֵיילִיכֶער מֶענְטְשׁ, אַ פּאזִיטִיוֶוער מֶענְטְשׁ, אֵיינֶער וָואס אִיז שְׁטֶענְדִיג פְרֵיילִיךְ, אוּן מֶען צִיט זִיךְ אַוֶועק פוּן אַ זוֹיעֶרֶער מֶענְטְשׁ; דַארְפְּסְטוּ שְׁטֶענְדִיג אַרוּם גֵיין מִיט אַ שְׁמֵייכְל אוּן רֶעדְן שֵׁיין צוּ יֶעדְן אֵיינֶעם, שְׁטֶענְדִיג זָאלְסְטוּ טְרַאכְטְן: 'וָואס קֶען אִיךְ טוּן פַאר מַיין חַבֶר'טֶע?' וֶועסְטוּ זֶען וִוי אַלֶע וֶועלְן זִיךְ וֶועלְן חַבֶר'ן מִיט דִיר.**

**אִיךְ הָאף אַז דוּ זָאגְסְט נָאךְ תְּהִלִים יֶעדְן טָאג; וֶוען דוּ בִּיסְט מְסַיֵים תְּהִלִים זָאלְסְטוּ מִיר שְׁרַייבְּן דִי וִויפִלְטֶע מָאל דוּ הָאסְט מְסַיֵים גֶעוֶוען.**

**בְּנוֹגֵעַ הָאבְּן אַ קֶעמְרֶע; פְרֶעג דַיין טַאטֶע מַאמֶע וָואס זֵיי זָאגְן, אוֹיבּ דוּ דַארְפְסְט שׁוֹין הָאבְּן אַן אֵייגֶענֶע קֶעמְרֶע, אוּן וָואס זֵיי זָאגְן דָאס זָאלְסְטוּ טוּן.**

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע דַיינֶע וֶועגְן.**

**...**

~~~~~~~~~~~

**בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר אַ שִׁידוּךְ.**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת נֹחַ, כ"ט תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

**... תְּחִיֶ', תַּלְמִידָה בֵּית פֵּיגָא בְּרֶסְלֶב.**

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

**רֶעד נִישְׁט מִיט קַיין חַבֶר'טֶעס פוּן בָּחוּרִים; עֶס אִיז נִישְׁט קַיין קְלוּגֶע זַאךְ צוּ רֶעדְן פוּן בָּחוּרִים, פוּן שִׁידוּכִים וְכוּ' וְכוּ'.**

**אִיךְ פַארְשְׁטֵיי דִיר זֵייעֶר גוּט אַז דוּ ווִילְסְט חֲתוּנָה הָאבְּן, דוּ הַאלְסְט נִישְׁט אוֹיס וְכוּ' אוּן דוּ ווִילְסְט זִיךְ שׁוֹין זֶען אוּנְטֶער דִי חוּפָּה; בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן יֶעדְן טָאג נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל טְרֶעפְן מַיין שִׁידוּךְ שְׁנֶעל אוּן**
~~~~~~~~~~~

גְרִינְג, מִיר זָאלְן קֶענֶען אוֹיפְשְטֶעלְן אַן עֶרְלִיכֶע שְׁטוּבּ", אָבֶּער מִיט חַבֶר'טֶעס זָאלְסְטוּ נִישְׁט רֶעדְן פוּן דֶעם.

זֶע צוּ הֶעלְפְן דִי מְנַהֶלֶת מָרַת ... תִּחְיֶ' מִיט וָואס זִי דַארְף אִין סְקוּל, וֶוען דוּ הֶעלְפְסְט אִין סְקוּל הֶעלְפְסְטוּ דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן; דוּ וֶוערְסְט אַ מְשַׁמֵשׁ בַּיים רֶבִּי'ן וָואס דֶער זְכוּת פוּן דֶעם אִיז זֵייעֶר גְרוֹיס.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע דַיינֶע וֶועגְן.

...

~~~~~~~~~~

**עֶס אִיז דָא מִיט וָואס פְרֵיילִיךְ צוּ זַיין.**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - ב' פַּרְשַׁת נֹחַ, א' דְרֹאשׁ חוֹדֶשׁ חֶשְׁוָן, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אַשְׁרֵינוּ מַה טוֹב חֶלְקֵינוּ וּמַה נָעִים גוֹרָלֵנוּ אַז מִיר הָאבְּן זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ וויסְן פוּן אַזַא גְרוֹיסֶע רֶבִּי, אַ רֶבִּי וָואס אִיז אוּנְז מְחַזֵק אוּן מְעוֹדֵד אִין אַלֶע אוּנְזֶערֶע שְׁוֶוערֶע מַצָבִים; אַ רֶבִּי וָואס לֶערְנְט אוּנְז אוֹיס אַז מִיר זָאלְן שְׁטֶענְדִיג גֶעדֶענְקֶען פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן וויסְן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִירְט דִי וֶועלְט.

גֵיי אַ טֶענְצְל אוֹיפְ'ן נִיגוּן: "בְּךָ רַבֵּינוּ נָגִילָה, בְּךָ רַבֵּינוּ נִשְׂמְחָה!" דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה הָאט גֶעהֵייסְן פַאר אֵיינֶעם פוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ עֶר זָאל טַאנְצְן יֶעדְן טָאג (מְקוֹר הַשִׂמְחָה, שִׂיחוֹת וְסִפּוּרִים, סִימָן לט), אַזוֹי אוֹיךְ הָאט רֶבִּי נָתָן גֶעזָאגְט: "וֶוער עֶס אִיז פְרֵיילִיךְ וֶועט נִישְׁט זֶען דֶעם פְּנִים פוּן גֵיהִנוֹם (שָׁם, שָׁם, סִימָן לח)".

רֶבִּי נָתָן שְׁרַייבְּט זֵייעֶר אַסַאךְ אִין דִי בְּרִיוו: "אַשְׁרֵינוּ אוּן פָּארְט אַשְׁרֵינוּ!"

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶע דַיינֶע וֶועגְן.

אַ גוּטְן חוֹדֶשׁ.

...

~~~~~~~~~~